STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05453

KITSER MOREH NEVOYKHIM

A. D. Oguz

Permanent preservation of this book was made possible
by Dr. & Mrs. Alan Weinstein
in memory of
James & Judith Raymond

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

קיצור מורה נבוכים

אָדער

וואָס דער „מורה נבוכים' לערענט

אויסצוגע פון רמב"ם'ס רעליגיאָן־
פילאָזאָפישעם ווערק, באַאר־
בייט און פּאָפּולאַריזירט

פון

א. ד. אגוז

ניו יאָרק
אלול התרצ"ה (1935).

Copyright, 1935, by

A. D. Ogus

אינהאַלט:

	זייט
פאָרוואָרט	7
א.—דער מהות פון מורה נבוכים	11
ב.—צלם, דמות און אַנדערע ווערטער	16
ג.—וואָרום גיט די ריכטיגע מיינונג?	23
ד.—וועגען תוארים (באַצייכנונגען)	28
ה.—חיוב, שלילה, סבה ופועל	37
ו.—די שיטה פון די „מדברים"	43
ז.—נאָך וועגען דער שיטה פון די „מדברים"	50
ח.—דעם רמב"ם'ס שיטה	56
ט.—וועגען די גלגלים	62
י.—וועגען חידוש העולם	68
יא.—וועט די וועלט אייביג עקזיסטירען?	75
יב.—חמר וצורה; קיין שלעכטס אין דער שאַפונג	81
יג.—וועגען דעם תכלית היצירה	88
יד.—וועגען השגחה פרטית	94
טו.—נאָך וועגען השגחה און נסיונות	102
טז.—וועגען דעם צוועק פון תורה און מצוות	108
יז.—עגלה ערופה און ארבעה מינים	115
יח.—וועגען סיפורי התורה	120

פאָרוואָרט

ווען מען האָט מיט עטליכע חדשים צוריק געפייערט דעם אכט הונדערטסטן געבורטסטאָג פון רבנו משה בן מימון, רמב״ם, ז״ל, האָט זיך מיין וויניגקייט אונטערגענומען בייצושטייערן עפּעס צו דער דאָזיגער וועלטליכער פייערונג פאַר די לייענער פון „מאָרגן זשורנאַל״, וואו איך בין מיטאַרבייטער שוין נאָהענט צו דריי צעהנדליג יאָהר.

איך האָב אויף זיך, מיט דער צושטימונג פון די רעדאַקטאָרען, גענומען די פליכט צו זאָגען עפּעס וועגען דעם גרויסען אידען, וועמעס נאָמען עס איז זייט הונדערטער יאָהרען באַקאַנט, ניט בלויז בכל תפוצות ישראל, נאָר אין דער גאַנצער ציוויליזירטער וועלט.

ניט פון זיין ביאָגראַפיע האָב איך באַשלאָסען צו שרייבען. דאָס האָט קאָלעגע און פריינד יוסף מאַרגאָשעס אונטערגענומען און ערפאָלגרייך דורכגעפיהרט. מיין אויפגאַבע איז געווען צו ריידען וועגען איינעם פון רמב״ם׳ס ספרים — דער „מורה נבוכים״.

דער „מורה נבוכים״, אָדער דער „מורה״, ווי דער ספר ווערט גערופען אין קורצען, איז אַ רעליגיאָן־פילאָזאָפישעס ווערק, געשריבען פון מחבר אין אַראַביש און איז נאָכהער איבערזעצט געוואָרען אין העברעאיש פון ר׳ שמואל אבן תיבון און אויך פון ר׳ יהודא אלחריזי. דער ספר איז אויך דאָ אין ענגלישער איבערזעצונג. ער איז אָבער ניט צוגענגליך פאַר אַ פּשוט׳ן מענשען, און אפילו פאַר לומדים איז אויך שווער צו לערנען איהם און גרינדליך פאַרשטעהן.

איך האָב זיך לכתחילה ניט אונטערגענומען צו איבערגעבען דעם אינהאַלט פון גאַנצען ספר, נאָר צו געבען אַ סעריע אַר־

טיקלען, וואָס זאָלען אנטהאַלטען דעם תמצית פון „מורה נבוכים", און ערקלערען דעם געוועהנליכען לייענער דעם מהות פון ספר, וואָס זיין צוועק איז און צו וואָס ער צילט; וואָס פאַר אַ פראַגעס און פּראָבּלעמען ער באהאַנדעלט און וואָס דער מחבר האָט צו זאָגען אויף דעם געביט פון דער רעליגיאָן־פילאָזאָפישער לעהרע.

איך האָב זיך, הויפּטזעכליך, באמיהט צו פּאָפּולאַריזירען אַלעם אין אַ ריינעם אידיש, אַזוי ווייט ווי מעגליך, אַז עס זאָל זיין פארשטענדליך און באגרייפליך, כדי דער באריהמטער „מורה נבוכים" זאָל ניט זיין אינגאַנצען פרעמד צו די וואָס האָבען אין איהם ניט אריינגעקוקט, און ער זאָל אויך ניט זיין פרעמד צו די וואָס האָבען אין איהם יאָ אריינגעקוקט, אָבער צו לערנען איהם און שטודירען איז פאַר זיי צו שווער. מיין ציל איז געווען, אַז דער דאָזיגער ספר זאָל ניט פארבלייבען אַ ספר החתום, אַ פארזיגעלטעם אָדער פארשלאָסענעם בוך פאַר די מאסען, וואָס זיינען ניט אימשטאַנד צו פארשטעהן איהם אין אַן אַנדער שפּראַך אויסער אונזער מאַמע־לשון — אידיש.

און איך האָב די דאָזיגע אויפגאַבע, בעזרת השם, דורכגעפיהרט מיט מעהר־וועניגער ערפאָלג.

אַזוי באַלד ווי די ערשטע עטליכע אַרטיקלען זיינען ערשינען, האָבען לייענער אויסגעדריקט זייער פארלאַנג, אַז די גאַנצע סעריע, ווען געענדיגט, זאָל ארויסגעגעבען ווערען אין בוך־פאָרם, און דער ספר זאָל פארבלייבען למזכרת עולם אויך פאַר צוקינפטיגע דורות.

און איך ערפיל דעם דאָזיגען וואונש און גיב עס ארויס מיט אויסבעסערונגען און הוספות לטובת די יעניגע, וואָס ווילען האָבען דעם ספר, און אויך לטובתי, ניט כדי צו ציהען דערפון געלט־פּראָפיטען, נאָר מעהר־וועניגער צו פארעוויגען מיין אייגענעם נאָמען דורך אַ וויכטיגער און נוצליכער ארבייט.

אַ מענש, איז אַן אַנגענומענער כלל, קען ניט זיין ריין פון שגיאות, פון טעות'ן. איך דריק דאָ דעריבער אויס אַ הערצליכען דאַנק צו מיין פערזענליך־אומבאַקאַנטען ר' אברהם

אפרים פערלאָוויץ, פון 827 יוניאָן עוועניו, בראָנקס, ניו יאָרק, וועלכער האָט מיר שריפטליך אויפמערקזאם געמאַכט אויף איינינע אונפינקטליכקייטען, וואָס זיינען געקומען דורך מיין אייגענעם פאַרזעהן, אָדער דורך דרוק־פעהלערען, וועלכע איך האָב דאָ אין ספר אויסגעבעסערט.

צום שלום פון דער פּתיחה, פון דער הקדמה צום „מורה נבוכים", זאָגט דער רמב"ם.

„אויב איינער וועט לערנען מיין ספר און גרינדליך פאַר־שטעהן אפילו בלויז איין זאַך, וואָס וועט איהם ארונטערנעהמען פון געוויסען וועלכע עס איז שאלה אָדער ספק, איז שוין ווערט מיין מיה".

„אויב", — זאָגט ווייטער דער מחבר, — „מיין ספר וועט נאָר איינעם גוטעס טאָן און צעהן טויזענד נאַראָנים וועלען פון איהם גאַרניט געניסען, איז כדאי צו פאַרפאַסען דעם ספר צוליב דעם איינעם, כאָטש אזוי פיל וועלען מיר אפשר אויסלאַכען".

מיין וועניגקייט וועט אויך זאָגען אזוי ווי זיין גרויסקייט, דער רמב"ם ז"ל: איך האָב אונטערגענומען און פאַרווירקליכט א שווערע שטיק ארבייט, און אויב עס וועט וועמען פון די לייענער ברענגען נוצען, מעג זייער צאָהל זיין ווי קליין, בין איך צופרידען, והיה זה שכרי.

דער פאַרפאַסער.

א.

דער מהות פון מורה נבוכים

דער „מורה נבוכים" איז באגרינדעט אויף די דרייצעהן עקרים, די הויפט יסודות, די גרונד־פרינציפען פון אונזער אמונה, ווי זיי ווערען אנגעגעבען אין די שלשה עשר עקרים, די „אני מאמין'ס", וואס ער, דער רמב"ם, האט פארפאסט, און וועגען דעם ווערט גערעדט אין גאנצען ספר.

הגם וועגען די לעצטע „אני מאמין'ס", וועגען ביאת משיח און תחית המתים ווערט כמעט ניט גערעדט אין „מורה נבוכים", אבער די צוויי פונקטען זיינען נכלל אין דעם זעקסטען „אני מאמין", אז „כל דברי נביאים אמת", אז אלעס וואס אונזערע נביאים האבען געזאגט איז אמת, און וועגען דעם ענין פון נבואה רעדט ער א סך אין דעם ספר.

אין די „אני מאמין'ס" פסק'נט דער רמב"ם אפ הלכה למעשה: אזוי גלויב איך און אזוי דארפען אלע גלויבען. אין מורה נבוכים אבער ערקלערט ער אונז אלעס מיט א שכל. ער ברייננט אויף אלעס „מופתים", באווייזע, איבערצייגונגען, אז אזוי איז עס און ניט אנדערש.

עס הייסט, אז זיין גלויבן, און וואס ער הייסט אונז גלויבען, איז ניט קיין בלינדע אמונה, נאר באזירט אויף חקירה, אויף אויפקלערונג. און אן איבערצייגענדע אמונה איז פיל שטארקער ווי א בלינדע אמונה, וואס קען לייכט פארשווינדען, אויסגעוואר־צעלט ווערען.

וואס האט באוואויגען דעם רמב"ם צו פארפאסען זיין מורה נבוכים? ער האט דאס דאזיגע ווערק געשאפען צוליב דעם, ווייל אין דער תורה גופא און אין נביאים וכתובים זיינען פאראן ווערטער, אויסדריקע און פסוקים, וואס לויט דעם פשוט'ן טייטש זיינען זיי ניט אין איינקלאנג מיט דעם אמת'ן באגריף פון

גאָטהייט, וואָס אויך חכמי אומות העולם פון זיין צייט און פון פריהעריגע צייטען האָבען אָנגענומען און באַשטעטיגט.

דער „אני מאמין", אַז גאָט איז „אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף ואין לו דמיון כלל", די אמונה אַז דער באַשעפער איז ניט קיין קערפּערליכעס אָדער מאַטעריעלעס וועזען, און עס קומט צו איהם קיינמאָל ניט, עס פּאַסירט מיט איהם ניט דאָס, וואָס עס פּאַסירט מיט אַ קערפּערליכעס וועזען, און עס איז ניטאָ קיין עהנליכעס צו איהם, — אין דעם האָבען ניט־אידישע פילאָזאָפען אויך געגלויבט און זיי האָבען עס אויפגעוויזען מיט ראיות, און אַ סך שטעלען אין תנ"ך זיינען אַ ווידערשפּרוך צו דעם.

זיינען דאָך אין די הייליגע שריפטען פאַראַן אַזעלכע אויסדריקע ווי: „יד ד'", „אצבע אלקים", „עיני ד'", „פי ד'", און דאָס גלייכען, וואָס, אויב פאַרטייטשט אין פּשוט'ן זין, מאַכט עס דעם בורא עולם פאַר אַ „גשמי", פאַר אַ קערפּערליכעס וועזען מיט מענשליכע גלידער.

און אין אַ סך פּלעצער ווערען צום רבונו של עולם צוגערעכענט געוויסע מדות און מענשליכע אייגענשאַפטען און פּיזישע טעטיגקייטען. ס'ווערט, למשל, געזאָגט, אַז גאָט איז אַ קנא ונוקם, אָדער אַ רחום וחנון, אַ בעל כעס, אָדער אַ מאריך אף. עס ווערט אויף איהם געזאָגט: „ויתעצב אל לבו" — ער איז אומעטיג געוואָרען, ער האָט זיך גענומען צום האַרצען. אָדער אַזעלכע אויסדרוקען ווי: „וירד ד'", גאָט איז אַרונטערגעגאַנגען, אָדער „עלה ד'", גאָט איז אַרויפגעגאַנגען, און אַזוי אויך: „וילך", „וישב", און דאָס גלייכען ווערטער און אויסדריקע, וואָס מען זאָגט ווען מען רעדט וועגען אַ בשר ודם. טאָ־וואו איז דער „ולא ישיגוהו משיגי הגוף"?

און פאַלט אַרונטער די אמונה, דער אמת'ער אמת, אַז גאָט איז ניט קיין „גופני", קיין קערפּערליכעס וועזען, פאַלט אויך אַרונטער אחדות הבורא, מאָנאָטעאיזם, די אמונה אַז גאָט איז איינער, — ווי דער רמב"ם ערקלערט עס שפּעטער, אַז די צוויי זאַכען זיינען אָפּהענגיג איינע אָן די אַנדערע. און וויבאַלד אַז ניט „ד' אחד", איז אויס מיט אַלע „אני מאמין'ס" און עס

קען אפילו ניט שטימען מיט'ן „בראשית ברא", מיט דער אמונה אז גאָט האָט באשאפן די וועלט.

דאָס אַלעס האָט דער רמב"ם איינגעזעהן און צוליב דעם צוועק האָט ער פארפאַסט דעם מורה נבוכים, וואו אַלע שאלות און ספקות ווערען פאַרענטפערט, און די „אני מאמין'ס" פאַר־בלייבען פאַקטען, וואָס קענען ניט אָפּגעלייקענט אָדער אָפּגעפרעגט ווערען.

אין דער הקדמה צום מורה נבוכים זאָגט דער רמב"ם:

„מיין כונה איז ניט צו לערנען און אויפקלערען אַלעם דעם המון, די אונוויסענדע מאַסען. אויך ניט צו מתחילים, צו אָנפאַנגער, וואָס פאַנגען אָן לערנען. אפילו אויך ניט צו לומדי תורה, וואָס ווייטער ווי פשוט'ע לימוד התורה און תלמוד האָבען זיי ניט דערגרייכט".

וואָס דען באצוועקט ער? זאָגט דער מחבר: אויסצו־מיידען מיספאַרשטענדניסע ביי רעליגיעזע מענשען, וואָס האָבען אויסער תורה אויך געלייענט און שטודירט פילאָזאָפישע ווערק פון חכמי אומות העולם און פאַרשטעהען זיי. ביי זיי — זאָגט ער — מוז אין די מחות ענטשטעהן אַ קאַמף צווישען אמונה און שכל. גלויבען גלויבען זיי אין פּראָסטען טייטש פון די פסוקים, און אין די ספרי מחקר, אין די אויפקלערענדע ביכער פון רוימישע און גריכישע פילאָזאָפען געפינען זיי אַנדערש, וואָס לייגט זיך זיי גראָד מעהר אויפ'ן שכל. מיר'ן טאַקע נעמען, צום ביישפּיל, די חקירה, די אויפקלערונג פון ניט־אידישע מחקרים, אַז דער באשעפער איז ניט קיין „גשם", קיין מאַטעריעלעס אָדער קערפּערליכעס וועזען, וואָס דאָס איז טאַקע דער ריינער אמת און אַזוי דאַרף מען גלויבען, אָבער דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט דער תורה, און נביאים און כתובים, וואָס מעלדען אָפּ גאָט אַלס אַ קערפּערליכעס וועזען.

— דאָס — זאָגט דער רמב"ם — וועט ברייגען די מענשען צו אַ מבוכה, צו אַ צוטומלעניש, צו אַ מיש־מאַש אין זייערע מחות. זיי וועלען טאַקע מעהר נוטה זיין צו דער דאָזיגער דעה, וואָס לייגט זיך מעהר אויפ'ן שכל; אין דער זעלבער צייט אָבער וועט זיי באַפאַלען אַ מורא, אַז דורך אוועקנעמען קער־

פערליכעם פון גאָט לייקענען זיי אין פסוקים פון דער תורה, וואָס זאָגען אויסדריקליך אַנדערש. אַט פאַר די דאָזיגע לייט — זאָגט דער רמב"ם — פאַרפאַסט ער דעם ספר, וועלכען ער גיט א נאָמען „מורה נבוכים", וואָס עס מיינט דער לעהרער, דער וועגווייזער פון פאַרווירטע, פון צוטומעלטע, וואָס ווייסען ניט אויף וואָס פאַר א וועג זיי זאָלען געהן, וואָס פאַר א דעה זיי זאָלען אָננעמען. זיי דאַרף מען ערקלערען, אַז עס איז ניטאָ קיין סתירה, קיין ווידערשפּרוך צווישען די מחקרים און דער תורה, ווייל די שיטה איז איינע און די זעלבע, ווען די פסוקים, וואָס רופען ארוים דעם צווייפעל, ווערען ריכטיג אויסגעטייטשט.

אין „מורה נבוכים" איז דער מחבר אויך מבטל אַלע פאַלשע חקירות אין חכמת אלקות, כאָטש מאַנכע פון זיי זעהען אויבער־פלעכליך אוים אין איינקלאַנג מיט די הייליגע שריפטען, און ציינגט אויף, אַז זיי זיינען ניט אמת. ער ווארפט ארונטער די פסולת, די שאַלאַכצען און לאָזט איבער ריינע יאָדערען, אַזוי ווייט ווי מעגליך, אַזוי ווייט ווי מען קען ערקלערען און געבען צו פאַרשטעהן. אָבער, לויט ער זאָגט אין דער הקדמה, איז דאָס אַלץ געצילט פאַר רעליגיעזע, פאַר פרומע לומדים, וואָס האָבען אויך געלייענט און שטודירט איבער גאָטהייט אין ביכער געשריבען פון ניט־אידישע חכמים.

און ער בעט די יחידי סגולה, וואָס וועלען לערנען זיין ספר, און ער באַשווערט זיי, אַז זיי זאָלען איהם לערנען אין גאַנצען, אָבער ניט איבערגעבען צו אַנדערע נאָר זאָבען, וואָס זיינען באַשטימט און באַשטעטיגט און מען קען אין דעם קיין טעות ניט האָבען. טאָמער — באַוואָרענט זיך דער מחבר — וועט מען אַנטרעפען אויף א נאַר, אויף אַן אומוויסענדען וואָס וועט אַן ענין ניט ריכטיג פאַרשטעהן און וועט אין דעם לערנען א פאַלשען פשט.

פון דעם איז צו זעהן, אַז דער רמב"ם האָט ניט געוואָלט, אַז זיין „מורה נבוכים" זאָל פאַרשפּרייט ווערען צווישען די מאַסען, צווישען פּראָסטען עולם. זיי, — האָט ער, ווייזט אוים, געהאַלטען, — וועלען ניט אַראָפּ פון וועג אפילו אויב זיי וועלען אַלעם אויסטייטשען פשוטו כמשמעו. זאָלען זיי פאַרשטעלען

דעם בורא ווי זיי שטעלען איהם פאָר לויט די אויבערפלעכליכע אויסטייטשונגען פון פסוקים און צו קיין כפירה אין דער תורה וועלען זיי ניט קומען. אָבער די מעהר געלערענטע, די מעהר קאָפּ־מענשען, פאַר זיי האָט ער געשריבען דעם „מורה נבוכים", כדי זיי זאָלען ניט נכשל ווערען אין וועלכע עס איז פאַלשע אידעען אין דער לעהרע פון גאָטהייט, און זיי זאָלען זיך ניט דאַרפען שלאָגען מיט דער דעה וועלכע שיטה אָנצונעמען.

ווייטער, אינעווייניג אין ספר, אין חלק ראשון פרק ל"ה, איז ער מתיר, גיט די ערלויבניש צו לערנען דעם המון און ערקלערען, אַז גאָט איז ניט קיין „גשם", קיין קערפּערליכעס וועזען. בלויז די הויכע, טיפזיניגע חקירות אין חכמת אלקות, זאָגט ער, דאַרף מען ניט לערנען די פּראָסטע מאַסען, אָבער דאָס אַוועקנעמען די גשמיות פון באַשעפער, דאָס דאַרף איבערגעגעבען ווערען ניט בלויז צו ערוואַקסענע פּראָסטאַקעס, נאָר אַפילו צו קינדער. וואָרום אַזוי גוט ווי אַלע דאַרפען וויסען, אַז גאָט איז אַ יחיד ומיוחד, אַן אַבסאָלוט איינציגער, אַזוי דאַרפען אויך אַלע וויסען, אַז „אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף".

און דערמיט טאַקע פאַנגט ער אָן זיין „מורה נבוכים".

ב.

צלם, דמות און אַנדערע ווערטער

ווי שוין געזאָגט, איז דעם רמב"ם'ס הויפּט צוועק פון זיין פאַרפאַסען דעם „מורה נבוכים" געווען צו ערקלערען און אויפ־ציינען דעם מהות פון בורא עולם אזוי ווייט ווי דער שכל פון אינטעליגענטע מענשען קען פאַרשטעהן און באַגרייפען, און ראשית הכל ארונטערצונעמען פון באַשעפער „גשמיות", קערפּער־ליכעס, מען זאָל אהים ניט באַטראַכטען אַלס אַ קערפּערליכעס וועזען, אַלס אַזעלכער וואָס מען קען איהם זעהן אָדער פאַר־שטעלען אין געדאַנק ווי ער זעהט אויס — אַ זאַך, וואָס אפילו אומוויסענדע און קינדער דאַרפען אויך וויסען, ווי דער רמב"ם זאָגט אין פּרק ל"ה פון ערשטען חלק אין זיין „מורה נבוכים".

אויך באַמיהט זיך דער מחבר אין זיין ספר צו ערקלערען אחדות הבורא, אַז גאָט איז אַ יחיד ומיוחד, אַבסאָלוט איינער, וואָס האָט באַשאַפען די וועלט און רעגירט זי, אַזוי ווי ער, דער רמב"ם, ז"ל, זאָגט אין די ערשטע פּסוקים פון זיינע דרייצעהן עקרים — די „אני מאמינ'ס".

דאָס זיינען די הויפּט ענינים, וואָס דער רמב"ם באַהאַנדעלט אין זיין „מורה נבוכים". די אַנדערע עיקרים, וועגען וועלכע ער רעדט, דרעהען זיך ארום די ערשטע.

צוערשט נעמט זיך דער „מורה" אויסצואוואַרצלען פון די הערצער פון „פּתאים", פון נאַראָנים, דעם גלויבען, אַז דער בורא יתברך איז אַ מאַטעריעלעס וועזען, ווייל אַזוי, מיינען זיי, שילדערען איהם די תורה און די נביאים, און ער ווייזט אויף זייער טעות.

ער פאַנגט אָן מיט די ווערטער „צלם" און „דמות". פאַר די באַשאַפונג פון מענשען, ווערט דערצעהלט אין דער תורה, אַז גאָט האָט געזאָגט: „נעשה אדם בצלמנו כדמותנו". לערנען פּראָסטאַקעס דעם פּשט: „בצלמנו", אין אונזער אויסזעהן, אין

אונזער פאָרמע, און „כדמותנו", עהנליך צו אונז. הייסט עס, אז מיר מענשען זיינען באשאפען אין דער פאָרמע פון גאָט און הימעלשע וועזענס — מלאָכים, און מיר זיינען עהנליך צו זיי, און זיי צו אונז, אָבער ניט דאָס, זאָגט דער רמב"ם, איז די מיינונג פון די ווערטער.

דער רמב"ם איז מלמד זכות אויף די אומוויסענדע פשטנים, וואָס טייטשען אזוי די ווערטער און מאכען דעם בורא פאַר א גשמי. זיי זיינען — זאָגט ער — אפשר ניט אזוי פיל שולדיג. זיי טראכטען זיך: אויב זיי וועלען אַננעמען אַנדערש, וועלען זיי דאָך אַפּלייקענען א בפירוש'ן פסוק פון דער תורה, און נאָך א זאך: אויב ניט קיין גשמי, אויב ניט א וועזען, וואָס האָט אן אויסזעהן, א פאָרמע, עקזיסטירט עס גאָר ניט. וואָרום, ווי קענען זיי זיך פאָרשטעלען אן „עפּעס", וואָס האָט ניט קיין געשטאַלט, קיין אויסזעהן? מאכען זיי א פשרה, אז דער בורא האָט טאקע דעם אויסזעהן פון א מענשען, נאָר ער איז אומגעהייער גרויס און זיין קערפּער לייכט און שיינט, ניט ווי דער גוף פון א בשר ודם. און וואָרום דענקען זיי אזוי? אַלץ צוליב די ווערטער: „בצלמנו כדמותנו".

זאָגט דער „מורה נבוכים", אז „צלם" איז ניט דער טייטש געשטאַלט אָדער אויסזעהן אָדער פאָרמע. דאָס ווערט גאָר אויסגעדריקט אין העברעאיש מיט'ן וואָרט „תואר". און ער ברייענגט ראיות פון פסוקים, אז אזוי איז דאָס. „צלם" אָבער מיינט די „צורה הטבעית" אָדער דער „כח הצורה", די אייגענשאפט, וואָס צוליב דעם איז די זאך דאָס וואָס זי איז, איהר ריכטיגער מהות. דער מענש, למשל, איז א מענש צוליב זיין מענשליכען שכל, צוליב זיינע מענשליכע באגריפען, און נעמט עס פון איהם אוועק, איז ער ניט קיין מענש, נאָר א חיה. איז דאָס, וואָס עס ווערט געזאָגט, אז דער מענש איז באשאפען געוואָרען „בצלם אלקים", מיינט עס: אין שכליות, אין פאַרנונפט, וואָס דאָס איז א געטליכע אייגענשאפט, אָבער ניט אין אויסזעהן, אין פאָרמע.

דאָס זעלבע — זאָגט ער — איז מיט'ן וואָרט „דמות". דאָס מיינט ניט א מאטעריעלע אָדער קערפּערליכע עהנליכקייט,

נאָר אַן עהנליכקייט אין גייסט, אין נשמה־געפיהל. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „דמיתי לקאת מדבר", איך בין עהנליך צו אַ געוויסען פויגעל אין מדבר. האָט ער דאָך ניט געמיינט צו זאָגען, אַז ער איז פיזיש עהנליך צום פויגעל, צו איהרע פליגעל און פעדערען, נאָר אין וואָס באשטעהט די עהנליכקייט? אין גייסטיגע געפיהלען. ער פיהלט זיך, הייסט עס, עלענד און אומגליקליך, אַזוי ווי אַן איינזאַמער פויגעל אין אַ ווּיסטע. ער ברייננגט דאָרט ראיות פון נאָך פסוקים, אַז „דמות" מיינט ניט קיין קערפּערליכע עהנליכקייט, עהנליך אין אויסזעהן אָדער פאָרמע, און דאָס באוויזט אַז „כדמותנו" מיינט עהנליך אין גייסטיגעס, אין שכל און באגריפען.

פאָלגליך, איז טאַקע „אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף". גאָט איז אין קיין הינזיכט, אין קיין פּרט ניט קיין קערפּערליכעס וועזען. דער מענש איז נאָר באשאַפען געוואָרען מיט אַן עהנ־ליכקייט צו איהם אין שכליות, אין באגריפען וואָס זיינען חוץ לגוף, אין אייגענשאַפטען, וואָס חיות און בהמות האָבען ניט. און דאָס ווערט אויסגעדריקט אין די ווערטער: „בצלמנו כדמותנו".

דאָ שטעלט זיך אָבער אַ פראַגע: לויט דעם ספור פון דער תורה שטימט עס ניט מיט דער דאָזיגער שיטה. ווערט דאָך געזאָגט אין דער תורה, אַז איידער אָדם און חוה האָבען גע־געסען פון עץ הדעת זיינען זיי געווען דום און נאַריש און האָבען זיך אַפילו ניט געשעמט צו געהן נאַקעט. ערשט נאָכדעם, ווען זיי האָבען עובר געווען אויף גאָט'ס געבאָט, זיינען זיי צום שכל געקומען און זיך אָנגעהויבען שעמען מיט זייער נאַקעטקייט, אָבער פריהער האָבען זיי ניט פאַרמאָגט די אייגענשאַפט צו פאַרשטעהן די זאַך אַלץ איינס ווי חיות און בהמות.

דער בעל „מורה נבוכים" דערצעהלט אין צווייטען פּרק, אַז איינער האָט איהם געשטעלט די דאָזיגע פראַגע פאַרוויקעלט מיט נאָך אַ שאלה, נעמליך: אַז לויט דעם ספור המעשה פון דער תורה קומט אויס, אַז אָדם און חוה זיינען פאַר ניט פאָלגען גאָט און עסען די פאַרבאָטענע פרוכט נאָר באלוינט געוואָרען, מחמת פריהער האָבען זיי ניט געהאַט קיין שכל און זיינען געווען

ווי בהמות און נאכהער, נאָכ'ן חטא, האָבען זיי געקראָגען מענש־ליכע געפיהלען און זיינען קלוג געוואָרען. טאָ ווארום איז דאָס?

אזוי, אומגעפעהר, האָט איהם איינער געפרעגט, און ער האָט דארויף געענטפערט, אז דער מקשן, דער פרעגער, האָט זיך ניט אריינגעטראכט, ניט פארטיפט זיך אין דער זאך און עס בלויז גענומען אויבערפלעכליך.

דער מענש, — זאָגט דער רמב"ם, — איז לכתחילה באַשאפען געוואָרען מיט שכל, מיט גייסטיגע באגריפען, וואָס מאַכען איהם אנדערש פון חיות און בהמות. אויף דעם צייגען די ווערטער „צלם" און „דמות", וואָס מיינען שכליות, ניט קעָר־פערליכע פאָרמען אָדער עהנליכקייטען, אָבער דאָס האָט גאָרניט צו טאָן מיט דעם באגריף פון נאקעטקייט און קליידונג און עהנליכע באגריפען.

די ערשטע מענשען זיינען באשאפען געוואָרען מיט א כח השכל פון א העכערע שטופע. זיי האָבען פארשטאנען און באגריפען די גאָטהייט. זיי האָבען געוואוסט דעם אונטערשייד פון אמת און שקר אין גאָט'ס שאפונג, אָבער זיי האָבען ניט גע־וואוסט קיין אונטערשייד פון שעהן און מיאוס, פון דעם וואָס מענשען האָבען שפעטער אָנגענומען, אז דאָס איז שעהן און דאָס איז ניט שעהן. זיי האָבען ניט געהאַט דעם באגריף, אז קליי־דונג איז שעהנער ווי נאקעטקייט ביז זיי האָבען געגעסען פון עץ הדעת. דעריבער — זאָגט דער רמב"ם — ווערט געזאָגט: „עץ הדעת טוב ורע", וואָס עס מיינט: שעהן און מיאוס, פאַסענד און ניט פאַסענד. פון עסען די פרוכט פון יענעם בוים האָבען זיי ערשט געקראָגען יענעם באגריף אָדער געפיהל, אָבער פריהער האָט זיי דער שכל זייערער דאָס ניט דיקטירט. זיי האָבען געוואוסט און פארשטאַנען העכערע זאכען, אָבער ניט דאָס.

קוים אָבער האָבען זיי אָפּגעקערט זייערע איידעלע מחשבות, זייער דעליקאטנעם שכל און זיך גענומען דענקען וועגען נידע־ריגע קערפערליכע הנאות; קוים האָט חוה געקראָגען דעם באגריף: „כי טוב העץ למאכל וכי תאוה הוא לעינים", אז דער עץ הדעת איז גוט צום עסען און שעהן צו קוקען אויף איהם,

און זי און אָדם האָבען טאַקע די פרוכט געגעסען, איז פון זיי אָפּגעטאָן געוואָרען דער שכל האמיתי, דער אמת׳ער פאַרנונפט, דער הייליגער פאַרשטאַנד און די הימעלישע באַגריפען, וואָס זיי האָבען פריהער געהאַט, און דאָס גופא איז פאַר זיי געווען אַ שטראָף, ניט קיין באַלוינונג.

דאָס איז אַ קורצער אויסצוג פון דעם צווייטען פּרק, וואָס האָט אַ שייכות צום ערשטען, אין וועלכען דער מחבר גיט די ראשי פּרקים, דעם ערשטען אריינפיהר צו דער לעהרע, אַז דער בורא עולם איז „אין לו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף״.

ווייטער שטעלט זיך דער מחבר פון „מורה נבוכים״ אָפּ אויף נאָך פּסוקים און ווערטער אין דער תורה און אין נביאים, וואָס גיבען, כביכול, דעם בורא הגשמה, קערפּערליכעס ביי משה רבנו, שטעהט אין פּסוק: „ותמונת ד׳ יביט״, טייטשט מען עס, אַז ער, משה, האָט געזעהן, האָט אָנגעקוקט גאָט׳ס גע־שטאַלט, ווי ער זעהט אויס. און אַ זאַך וואָס אַ מענשען׳ס אויגען קענען זעהן, מוז דאָך זיין אַ גשמי, אַן „עפּעס״, וואָס דאָס אויג קען אויפנעמען. זאָגט דער רמב״ם, אַז דאָס וואָרט „תמונה״ האָט דריי מיינונגען, און איין מיינונג איז: דער מהות פון אַ זאַך, וואָס איז איינגעקריצט אין שכל. דער לשון „יביט״ — זאָגט ער — מיינט ניט דוקא זעהן מיט די אויגען, נאָר אויך פאַרשטעהן, באַגרייפען. מיינען די ווערטער: „ותמונת ד׳ יביט״, אַז ער, משה, האָט באַגריפען און גוט פאַרשטאַנען די גאָטהייט לויט ווי דאָס איז געווען איינגעדרונגען אין זיין מחשבה, אין זיין שכל.

דאָס זעלבע — ערקלערט דער רמב״ם — איז אויך מיט די ווערטער „ראה״ און „חזה״, וואָס דער הויפּט טייטש זייערער איז זעהן מיט די אויגען, אָבער די ווערטער זיינען אויך „מושאלים״, אויסגעבאָרגטע צו אַן אַנדער מיינונג, ווען עס רעדט זיך וועגען גאָט. וואו עס שטעהט: „ראיתי את ד׳״, „וירא אליו ד׳״, „וירא אלקים״, און דאָס גלייכען, מיינט עס אַ „ראיה שכלית״, אַ השגה, אַ באַגריף פון שכל. עס איז דאָ אַ פּסוק „ויחזו את אלקים״, מיינט עס אויך ניט, אַז זיי האָבען

געזעהן גאָט, נאָר זיי האָבען פאַרשטאַנען, זיי האָבען באַגריפען די גאָטהייט.

דער מורה נבוכים רעדט דעם ענין ארום באריכות. דער וואָס קען און וויל לערנען דעם דאָזיגען ספר, וועט אין איהם געפינען מעהר.

אין וויטערע פּרקים באהאנדעלט דער מחבר א רייהע מיט פּסוקים פון תנ"ך, אין וועלכע ריידענדיג וועגען גאָט ווערט ער באצייכענט מיט ווערטער און אויסדריקע אזוי ווי מען רעדט וועגען א בשר ודם, און ער ערקלערט אויך, אז די דאָזיגע ווערטער אָדער אויסדריקע האָבען צוויי־ערליי אָדער מעהרערליי מיינונגען און וואו עס רעדט זיך וועגען גאָט ווערען זיי אויסגעטייטשט אנדערש ווי ווען עס רעדט זיך וועגען מענשען. אויסרעכענען אַלע, מיינט עס איבערזעצען דעם מורה נבוכים און דאָס איז ניט מיין ציל. איך וועל דעריבער בלויז ברייננגען איינינע אויסציגע בקיצור, כדי די לייענער זאָלען האָבען אַן אהנונג וואָס דער רמב"ם האָט געוואָלט מיט זיין באריהמטען ספר, און אויף וואָס זיין חקירה איז באגרינדעט.

דאָס וואָרט „ישיבה", למשל, מיינט זיצען און עס מיינט אויך שטענדיגקייט, אָהן שינוי, אָהן ענדערונג. איז דאָס וואָס עס שטעהט אין פּסוק: „אתה ד' לעולם תשב", מיינט עס: דו גאָט, עקזיסטירסט אייביג, אָהן וועלכען עס איז שינוי, אָהן וועלכער עס איז ענדערונג. אין דעם זעלבען זינען ווערט אויך אויסגעטייטשט: „היושב בשמים" און עהנליכע אויסדריקע.

דאָס זעלבע איז אויך מיט'ן וואָרט „קימה", וואָס מיינט אויפשטעהן, ווען עס ווערט גערעדט וועגען א בשר ודם, אזוי ווי עס ווערט געזאָגט ביי המנ'ען: „ולא קם ולא זע", ער איז ניט אויפגעשטאַנען און זיך ניט געריהרט; אמאָל ווידער מיינט דאָס וואָרט: פאַרווירקליכונג, באשטעטיגונג, אזוי ווי עס שטעהט אין פּסוק: „ויקם שדה עפרון". מיינט עס צו זאָגען, אז עפרון'ס פעלד איז באשטעטיגט געוואָרען אַלס אברהם'ס אויף שטענדיג, נאָכדעם ווי דער לעצטער האָט זי אָפּגעקויפט פון עפרון.

דאָס זעלבע איז, וואו דאָס וואָרט „קימה" שטעהט ביי גאָט, ווי, למשל: „אתה תקום תרחם ציון", מיינט עס ניט אויפשטעהן

פון פלאץ, ווי מען קען עס זאָגען אויף א מענשען, נאָר: דו וועסט מקיים זיין, באשטעטיגען און פארווירקליכען דיין הבטחה.

אזוי ערקלערט ער נאָך עהנליכע ווערטער און אויסדריקע, וואָס ווערען געזאָגט אויפ׳ן בורא און ווען מען זאָל זיי פראָסט פארטייטשען, וועט מען איהם, כביכול, מאכען פאר א גשמי, פאר א קערפערליכעס וועזען; ניט אָבער דער רמב״ם צו פאר־שטעהן, אז דיזעלבע ווערטער האָבען אויך אנדערע מיינונגען, וואָס פאסען זיך פאר אן אינו גוף.

עס שטעהט, למשל, ביי יציאת מצרים: „וד׳ הולך לפניהם״, מיינט עס ניט, אז גאָט איז געגאנגען, ווי מיר פארשטעהען עס אין פשוט׳ן זין, נאָר דאָס מיינט, אז זיין השגחה האָט זיך פון די אידען ניט אָפגעטאָן. אָדער עס שטעהט: „ועמדו רגליו על הר הזיתים״, מיינט עס אויך ניט, אז ער וועט שטעהן, נאָר באשטענדיגקייט, אז זיין קדושה וועט דאָרט רוהען שטענדיג.

דאָס ביז אהער געזאָגטע איז בלויז איינער פון די שליסלען צו די ווייטערע חקירות איבער גאָטהייט, וואָס דער רמב״ם לערענט אין זיין „מורה נבוכים״.

ג.

וואָרום ניט די ריכטיגע מיינונג?

דער „מורה נבוכים" איז ניט צוזאמענגעשטעלט אין א סדר און אן אָרדנונג, מחמת דער מחבר האָט, ווי געזאָגט, ניט גע־וואָלט, אז דער המון זאָל איהם לערנען. איז אין פרקים, צע־וואָרפען דאָ און דאָרט, זוכט דער רמב"ם קלאָר צו מאַכען, אז אומעטום, וואו עס ווערט גערעדט וועגען גאָט מיט א לשון אזוי ווי מען רעדט פון א בשר ודם, הן מען רעכענט צו איהם צו מענשליכע גלידער, הן פיזישע טאטען אָדער ענינים חושיים, מענשליכע געפיהלען, ווי למשל „וירח ד'", גאָט האָט געשמעקט, „ויתעצב אל לבו", ער איז אומעטיג געוואָרען, איז עס ניט ווי דער פשוט'ער טייטש איז, אין דעם זין ווי מיר פאַרשטעהען עס אין גשמיות.

אזוי אויך באהאַנדעלט ער אַלע באצייכנונגען, וואָס ווערען אָנגעגעבען אויפ'ן באשעפער ווי „רם", „גדול", „יושב על כסא" און אנדערע אַזעלכע ווערטער און אויסדרוקען, אז זיי זיינען ניט געמיינט אין פשוט'ן זין, ווי מיר קענען עס פאַרשטעלען אין אונזערע געדאַנקען, נאָר די מיינונג דערפון איז א העכערע, א דעליקאַטנערע.

און ניט בלויז ווערטער און אויסדרוקען, וואָס, ווען פשוט פאַרטייטשט, גיט עס צו דעם בורא עולם גשמיות, נאָר אויך גאַנצע ענינים אָדער ספורים פון תנ"ך, אין וועלכע עס רעדט זיך וועגען גאָט ווי וועגען א בשר ודם, ווערען אין „מורה נבוכים" אויסגעטייטשט אזוי, אז די גשמיות, דאָס קערפער־ליכע, ווערט פון איהם ארונטערגענומען. דער ספור, למשל, אין פרשה תשא, ווי משה רבנו האָט געבעטען ביי גאָט: „הראני נאָ את כבודך", צייג מיר דיין כבוד, דיין פראַכט, האָט איהם גאָט געענטפערט: „לו תוכל לראות את פני", דו קענסט מיין

פנים ניט זעהן, ווארים א מענש קען מיך ניט זעהן און ער זאל לעבען בלייבען. נאר וואס דען — האט גאט געזאגט — קענסטו פועל'ן? דו זאלסט זיך אוועקשטעלן אין א געוויסען פלאץ, וועל איך דארט פארבייגעהן, איך וועל דיך אבער מיט מיין האנט פארדעקען, און ווען איך וועל פאראיבערגעהן וועל איך מיין האנט אוועקנעמען, „וראית את אחרי", וועסטו זעהן מיין רוקען, אבער מיין פנים וועט ניט געזעהן ווערען.

אט דער דאזיגער ספור המעשה, וואס שיינט צו זיין זעהר האמטנע, ווערט פון רמב"ם אויסגעטייטשט און ערקלערט, אז דאס איז ניט פשוטו כמשמעו, נאר עס ליגט גאר אין דעם אן אנדער מיינונג. עס איז ניטא אין דעם קיין גשמיות, נאר הויכע באגריפען פון גאטהייט, וועלכע משה רבנו האט געוואלט משיג זיין, נאר גאט האט איהם געזאגט, אז אזוי פיל קען א מענש, אפילו א העכסט איידעלער מענש, ניט דערגרייכען, און ער האט איהם געשענקט קלענערע השגות, וואס זיינען אויך למעלה מן השכל פאר א געוועהנליכען מענשען.

אבער, ווי שוין געזאגט, געה איך ניט איבערזעצען דעם „מורה נבוכים" און איבערגעבען אלעס וואס אין איהם ווערט געזאגט. מיין צוועק איז בלויז איבערצוגעבען דעם תמצית פון רמב"מ'ס חקירה און „והאידך זיל גמור", ווי די גמרא דריקט זיך אוים — דאס וויכטיגע זאל דער וואס קען און וויל אליין לערנען, אליין שטודירען דעם ספר.

דא שטעלט זיך אבער א פראגע: ווארום האבען די תורה און די נביאים געדארפט ריידען מיט משלים, מיט פארשטעלטע ווערטער, וואס פארדקערפערען דעם בורא? צו וואס איז ער אפגעמעלדט אלס גשמי און מענשען זאלען בלאנדזשען און מיינען, אז ער איז דאס טאקע?

וויבאלד, למשל, אז „ראיתי את ד'" מיינט ניט געזעהן גאט מיט די אויגען וויבאלד, אז „וד' הולך" מיינט ניט גאט געהט „וישב ד'", מיינט ניט גאט איז געזעסען און „אתה תקום", מיינט ניט דו גאט וועסט אויפשטעהן, ווי מיר האבען דעם „מורה נבוכים'ס" אויסטייטשונגען דערמאנט אין פאריגען קאפיטעל, וואלט דאך גלייכער געווען, אז די דאזיגע ווערטער

זאָלען אויסגעמיטען ווערען און עס זאָלען געזאָגט ווערען די פּאַסענדע ווערטער לויט זייער אמת'ער אויסטייטשונג?

אַזוי איז אויך מיט אַלע ווערטער און אויסדרוקען, וואָס דער רמב"ם רעכענט אויס און פּאַרטייטשט זיי. וואָרום ברייני־גען מענשען צו טעות'ן?

דערויף ענטפערט דער רמב"ם, אַז דאָס איז געווען אַ נויט־ווענדיגקייט פאַר די מענשען מיט קורצע אָדער שמאָלע מחות, וואָס וואָלטען ניט אויפגעכאַפּט די ריכטיגע מיינונגען פון די פּסוקים, ווען מען זאָגט עס זיי לכתחילה אין זייער אמת'ן זין און באַדייטונג. פּראָסטאַקעס קענען ניט פאַרשטעהן און באַ־גרייפען העכערעס, און פאַר זיי איז אָנגעווענדעט געוואָרען דער כלל פון אונזערע אַלטע חכמים: „דברה תורה בלשון בני אָדם" — די תורה האָט גערעדט אין אַ מענשליכער שפּראַך.

דער פּשוט'ער מענש, אַז מען זאָל איהם פאַרשטעלען אַ זאַך, וואָס ער קען זיך אין דמיון, אין דער פאַנטאַזיע ניט פאָר־שטעלען, וועט ער קיינמאָל ניט צוגעבען, אַז אַזאַ זאַך עקזיס־טירט, אַז אַזאַ זאַך געפינט זיך ערגעץ. ווען דער בורא ווערט ניט אָפּגעמעלדט מיט מענשליכע תוארים, מיט שילדערונג פון אַ קערפּערליכעס וועזען, וואָלט דער המון ניט געוואוסט, אַז ער איז דאָ, אַז ער עקזיסטירט. וואָרום אַנדערש קען דער פּראָס־טער מענש מיט אַ טעמפּען מח ניט פאַרשטעהן און ניט באַ־גרייפען אַ מציאות, אַן עקזיסטירענדע זאַך, סיידען „בגשם", אין מאַטעריעלעס, אין קערפּערליכעס, וואָס זיי קענען זעהן, אָדער אַ „נמצא בגשם", אַ זאַך וואָס איז דאָ, וואָס געפינט זיך אין אַ קערפּער, כאָטש מען זעהט עס ניט, אַזוי ווי, למשל, כח, שכל, אָדער פאַרשיידענע געפיהלען און אייגענשאַפטען פון ברואים. דאָס, ווייסען זיי, איז דאָ, און אויסער דעם איז ביי זיין קיין זאַך ניטאָ.

דעריבער איז „דברה תורה כלשון בני אָדם", וואָס דאָס ברייננט, וויניגסטענס, די אומוויסענדע צו וויסען און גלויבען, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט. כאָטש זיי קענען איהם פאַרשטעלען אין זייערע מחשבות אַלס אַ גרויס וועזען, וואָס בליאַסקעט און שיינט, אָבער מיט מענשליכע גלידער, אַבי זיי

ווייסען און גלויבען, אז ער איז דאָ. די מעהר פדרשטענדיגע, ווידער, לערנען ניט פסוקים מיט זייער פשוט'ן טייטש, נאָר זיי פארשטעהען און ווייסען די ריכטיגע מיינונג, די אמת'ע כוונות, אז עס רעדט זיך ניט פון גשמיות.

און אפילו די, וואָס זייערע מחות באגרייפען ניט דעם ענין לכתחילה, קוים אָבער גלויבען זיי אין מציאת הבורא, קוים זיינען זיי ביי זיך איבערצייגט, אז עס איז דאָ א גאָט, קען מען זיי נאָכהער אויפקלערען, אז גאָט איז ניט ווי זיי שטעלען איהם פאָר אין זייערע געדאַנקען, נאָר אז „אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף".

און כאָטש, — זאָגט דער רמב"ם, — עס ווערען צום בורא צוגערעכענט כל'ערליי מענשליכע טאָטען און באוועגונגען, על דרך משל, ווערט ערגעץ ניט צוגערעכענט צו איהם עסען, טרינקען, שלאָפען אָדער קראַנקהייט. דאָס, — זאָגט ער, — איז צוליב דעם, ווייל די זאכען ווערען ביי מענשען ניט באַטראַכט אַלס השלמה, אַלס פאָלקאָמענהייט. א גאָט, ווי מען זאָל איהם ניט פאַרשטעלען אין געדאַנק, פארשטעהט מען, דאַרף ניט עסען, טרינקען, שלאָפען אָדער קראַנק זיין. ביי מענשען אָדער אַנדערע בעלי־חיים איז דאָס אומפאַרמיידליך, אָבער פאַר א גאָט איז עס צו פּראָסט, צו ביליג. דעריבער ווערען אין תורה און אין נביאים כלומר'שט צו איהם צוגעגעבען אַלס השלמה, אַלס פאָלקאָמענהייט, ווי געהן, ריידען, קוקען און דאָס גלייכען, אָבער ניט זאכען וואָס מען וואָלט עס באַטראַכט אַלס חסרונות פאַר א גאָט.

ווענען שלאָפען פרעגען די מפרשים א קשיא: ווי אַזוי זאָגט דער רמב"ם אז שלאָפען ווערט ניט דערמאָנט ביים בורא, עס איז דאָך דאָ א פסוק אין תהלים: „עורה למה תישן ד'"? ענטפערען זיי, אז דאָס איז געמיינט מיט א לשון תימה, מיט פאַרוואונדערונג — ערוואַך, גאָט, צי דען שלאָפסטו?

אייגענטליך, — זאָגט דער רמב"ם, — איז באוועגונגען ווי געהן, שטהען, ארויסגעהן, קומען, אויפשטעהן און דאָס גלייכען, אויך ניט שייך צו זאָגען אויף גאָט. אפילו מנוחה, רוה, קען מען אויך ניט צורעכענען צו איהם, ווייל דאָס זיינען

אַלץ זאַכען, וואָס באַלאַנגען צו גשמיות, צו לעבעדיגע קער־פערליכע באַשעפעניִשען אַזוי גוט ווי עסען, טרינקען און שלאָ־פען, פונדעסטוועגען ווערען אַזעלכע ווערטער ניט אויסגעמיטען און זיי זיינען דאָ זעהר פיל אין די הייליגע שריפטען. איז דאָס, — זאָגט ער, — צוליב דעם, ווייל אַזעלכע טאַט־זאַכען זיינען ביים המון ניט אָנגענומען אַלס אַן ערנידערונג פאַר גאָטהייט. דערמיט ווערט דער באַשעפער ניט פאַרביליגט אפילו ביי די, וואָס טייטשען די ווערטער אין פשוט׳ן זין, בעת עסען, טרינקען און שלאָפען איז ביי זיי אַ צו האַמעטנע זאַך פאַר גאָטהייט.

ד.

וועגן תוארים (באצייכנונגען)

אין זיין „מורה נבוכים" שטעלט זיך דער רמב"ם אָפּ זעהר פיל אויף „תוארים", באצייכנונגען אָדער טיטולען, וואָס ווערען אין די כתבי הקודש צוגערעכענט צום בורא. ער זאָגט: אזוי ווי מען טאָר צו איהם ניט צורעכענען קיין גשמיות, קיין קערפּערליכעס, אזוי טאָר מען צו איהם ניט צורעכענען קיין „תואר", קיין באצייכנונג, קיין אייגענשאפט, מעג עס אפילו זיין אין עניני חושיות, ריין־גייסטיג, און עס זאָל גאָרנישט האָבען צו טאָן מיט פיזישע גלידער אָדער פיזישע כחות.

און כאָטש דער רמב"ם זאָגט אין זיין הקדמה צום „מורה נבוכים", אז ער פאַרפאַסט דעם ספר נאָר פאַר יחידי סגולה, פאַר געלערענטע מענשען, האָט ער אָלץ מורא, אז פון זיין ספר זאָל, חס ושלום, ניט ארויסקומען אַ תקלה, אז די יחידי סגולה זאָלען ניט נכשל ווערען, און אין ווייטערדע פּרקים זאָגט ער:

„דער מענשליכער שכל איז פון דער נאַטור בכח משיג צו זיין געוויסע ענינים. עס זיינען ווידער דאָ זאַכען, וואָס ער קען אביסעל משיג זיין, אָבער ניט אינגאַנצען, און אויך זאַכען, וואָס מען קען גאָרניט משיג זיין. אזוי ווי די חושים, דעם מענשען'ס פיזישע געפיהלען, — זאָגט ער, — זיינען באשרענקט צו אַ געוויסער מאָס און ניט מעהר; אזוי ווי, למשל, דעם מענשען'ס אויגען, אויב זייער ראיה איז אַ שוואַכערע, קענען זיי זעהן בלויז אויף אַ געוויסער שטרעקע, און אויב די ראיה איז אַ שטאַרקע, קענען זיי זעהן ווייטער, אָבער עס האָט אַ גרעניץ, און אַ גרויסע ווייטקייט קען קיין אויג ניט זעהן. אָדער, צום ביישפּיל, אַ בעל־כח קען אויפהויבען הונדערט פונט, אַ גרעסערער בעל־כח קען אויפהויבען מעהר, עס איז אָבער ניטאָ אזאַ גבור, וואָס זאָל קענען אויפהויבען טויזענט פונט. אזוי איז עס אויך

מיט'ן מענשענ'ס שכל: א מענש מיט א שאַרפערען קאָפּ קען פאַרשטעהן און באַגרייפען מעהר, און דער, וואָס זיין מח איז טעמפּער — ווייניגער, אָבער אַלץ מיט אַ גרעניץ. וואָרים עס זיינען פאַראַן אַזעלכע הויכע שכליות, איבערהויפּט אין דעם ענין פון גאָטהייט, וואָס דער קליגסטער און שאַרפסטער מח קען ניט משיג זיין.

וואָרענט דער רמב"ם דעם לייענער אָדער לערנער פון זיין ספר, אַז דאָס וואָס עס פּאַסירט מיט השגות החושיות, מיט פיזישע באַגריפען, קען אויך פּאַסירען מיט השגות השכליות, מיט די דערגרייכונגען פון שכל. מיט די אויגען, — ניט ער צו פאַרשטעהן, — קען מען נאָר דערגרייכען וויפיל עס ליגט אין דעם כח פון דער זעה־קראַפט: שטרענגט מען אָבער אָן די אויגען צופיל, מאַטערט מען זיי מיט לייענען גאַנץ קליינע שריפט, אָדער מיט קוקען אויף אַ צו גרויסען מרחק, איז לא די וואָס די אויגען ווערען אַזוי ווי פאַרבלענדט און מען זעהט ניט די קליינע אותיות, וואָס מען לייענט, אָדער די ווייטע שטרעקע, וואָס מען וויל זעהן, נאָר מען פאַרלירט אויך די פריהעריגע זעה־קראַפט און מען קען שוין ניט זעהן אַזעלכעס, וואָס די אויגען האָבען פריהער געהאַט בכח צו זעהן.

אַזוי איז אויך מיט'ן כח פון שכל. ווען מען טוט זיך אריין, ווען מען פאַרטיפט זיך אין אַ חכמה־זאַך, ווען מען שטרענגט אָן די רעיונות צופיל, ווערט דער שכל טעמפּ און מען קען שוין אפילו ניט פאַרשטעהן אָדער באַגרייפען זאַכען, וואָס מען האָט פריהער געהאַט בכח צו פאַרשטעהן און באַ־גרייפען.

דעריבער, — זאָגט דער רמב"ם צום לייענער אָדער לערנער פון זיין „מורה נבוכים" אומגעפעהר אַזוי:

„אויב עס וועט דיר עפּעס זיין אַ ספק, זאָלסטו זיך פיל ניט מאַטערען און גריבלען צו וועלען דערגרונטעווען די זאַך און דוקא געפינען „מופתים", ראיות און באַווייזען, אַז אַזוי איז דאָס ניט, האַלט זיך ביי דאָס דייניגע, כאָטש דער ענין איז דיר ניט קלאָר גענוג און עס איז אין דעם דאָ אַ צווייפעל. וואָרים פון טראַכטען צופיל ווערט דער שכל ניט שאַרפער, נאָר

טעמפּער. מיט איין וואָרט: זוך ניט צו דערגרייכען אין גאָט־הייט דאָס, וואָס דו קענסט ניט דערגרייכען.

און אזוי האָט געזאָגט דוד המלך אין תהלים: „לא הלכתי בגדולות ובנפלאות ממני" — איך בין ניט געגאַנגען, איך האָב זיך ניט אריינגעלאָזט אין אויספאָרשען, אין דערגרונטעווען זאכען, וואָס זיינען פאַר מיר צו גרויס און פאַרבאָרגען. און אזוי איז דאָ א מאמר: „במופלא ממך אל תדרוש ובמכוסה ממך אל תחקור, במה שהורשת התבונן ואין לך עסק בנסתרות" — אין דעם וואָס איז פון דיר פאַרבאָרגען, זאָלסטו ניט נאָכ־פאָרשען, און אין דעם וואָס איז פון דיר פאַרדעקט זאָלסטו זיך ניט גריבלען. באַטראַכט נאָר דאָס וואָס דיר איז ערלויבט און האָב ניט קיין עסק מיט פאַרבאָרגענע זאכען. האָסטו ניט קיין געניגענדע באַווייזען, אויף א געוויסען ענין אין דער לעהרע פון גאָטהייט, גיב עס ניט אויף און זאָל דיר ניט איינפאַלען צו לייקענען אין דעם.

מען דאַרף נאָר דענקען אזויפיל ווי עס לאָזט זיך, ווי דער שכל קען משיג זיין, אָבער ניט מעהר".

אזוי גוט, — זאָגט ער, — ווי די ווערטער אָדער פּסוקים, אין וועלכע גאָט ווערט פאָרגעשטעלט אלס א גשמי, אלס א קערפּערליכעס וועזען, טאָרען ניט געטייטשט ווערען לויט זייער פּשוט'ן טייטש, אזוי טאָרען די „תוארים" אויך ניט געטייטשט ווערען אין פּשוט'ן זין. וואָרים אזוי ווי ער איז ווייט פון גשמיות גופא, אזוי איז ער אויך ווייט פון עניני גשמיות, פון גייסטיגע געפיהלען אָדער אייגענשאפטען לויט ווי מיר ווייסען און פאַרשטעהען זיי ביי אונז מענשען. מען דאַרף וויסען, אז אין קיין פּרט איז דער באַשעפער ניט גלייך צו די באַשאַפענע.

וואָרים, אז מען זאָל זיינע „תוארים", זיינע באַצייכנונגען, טייטשען אין פּשוט'ן זין, קענען מיר אין באַשעפער געפינען קאָנטראַסטען, מדות אָדער אייגענשאפטען, וואָס זיינען דער היפּוך איינע פון די אַנדערע. ווערט, למשל, צו איהם צוגע־רעכענט כעס און חמלה, צאָרן אָדער בייזקייט, און רחמנות אָדער גוטהערציגקייט. עס ווערט אויף איהם געזאָגט, אז ער איז א קנא ונוקם און א רחום וחנון. דאָס מאַכט דאָך אין איהם

שינויים, ענדערונגען. אמאָל איז ער בייז און אמאָל מילד, און קיינע שינויים זיינען אין איהם ניטאָ. ענדערונגען קענען זיין אין אַ מעשענ׳ס געפיהלען, אין זיין כאַראַקטער, אָבער ניט אין גאָט׳ס.

און עס איז גאַנץ פאַרשטענדליך, אַז אַזעלכע שינויים טאָרען צום בורא ניט צוגערעכענט ווערען. ווארים, אויב יאָ, קומט דאָך אויס, אַז ער האָט ניט קיין אייגענעם באַשטענדיגען רצון, נאָר ער ווערט קאָנטראָלירט פון זייטיגע זאַכען, וואָס ערוועקען אין איהם די דאָזיגע געפיהלען, וואָס ברייגגען איהם אריין אין כעס אָדער אין באַרמהערציגקייט, און דאָס איז ניט אין איינקלאַנג מיט זיין עצם, מיט זיין וועזען, וואָס איז זיכער אומאָפּהענגיג אין אַלע פּרטים אין פולען זין פון וואָרט.

אַ ביישפּיל, — זאָגט דער „מורה", — קען מען נעמען פון אַ מאַטעריעלע זאַך — פון פייער.

פייער, ווייסען אַלע, צושמעלצט מאַנכע זאַכען און מאַנכע פאַרהאַרטעוועט עס; זאַכען ווערען שוואַרץ פון פייער, און זאַכען ווערען ווייס; אמאָל פאַרברענט דאָס פייער און אמאָל קאָכט עס. קען מען דאָך מיינען, אַז דאָס פייער האָט אין זיך זעקס־ערליי אייגענשאַפטען אָדער באַזונדערע כחות. דער אמת איז אָבער, אַז איין כח טוט די אַלע זאַכען, און דאָס איז — די היץ. הייסט, אַז אַ מאַטעריעלע זאַך קען מיט איין כח אויפטאָן פאַרשיידענע פּעולות, פאַרשיידענע טעטיגקייטען, קען דאָך גאָט אודאי.

דעריבער קען מען ניט זאָגען, אַז אין די עצמות הבורא, אין זיין וועזען זיינען דאָ וועלכע עס איז ענדערונגען, וועלכע עס איז באַזונדערע אייגענשאַפטען אָדער נאַטירליכע נייגונגען, ווייל ער איז אחד בתכלית האחדות, איינס אין פולען זינען פון איינציגקייט, און קיינע באַזונדערע מדות, קיינע באַזונדערע גע־פיהלען און קיינע באַזונדערע גייסטיגע אייגענשאַפטען קענען צו איהם ניט צוגערעכענט ווערען, ווייל אַלעס צוזאַמען איז אין איהם, אין זיין עצם, און עס איז ניטאָ קיין זאַך, וואָס איז חוץ לעצמו.

אפילו זאָגען, למשל, און גלויבען, אַז גאָט איז אַ חכם,

וואָס אונזערע נביאים זאָגען אויף איהם, טאָר מען אויך ניט אין דעם זין ווי מיר פאַרשטעהען חכמה, כאָטש חכמה איז א גייסטיגער געפיהל אָדער אַן אייגענשאַפט, וואָס קען ניט גע־רופען ווערען גשמיות, ווייל מען זעהט עס ניט און מען קען עס ניט באריהרען אָדער אָנטאַפּען.

וואָרים אויב אפילו מען שטעלט פאַר גאָט ווי מען דאַרף איהם פאַרשטעלען, אַלס א גייסטיגעס וועזען, אַלס אַן „אינו גוף", קוים אָבער גיט מען איהם צו א „תואר", א באַצייכנונג, אַז ער איז דאָס אָדער יענעס, איז ער שוין א מורכב, א קאָמ־בינאַציע פון צוויי זאַכען — זיין עצם, ער אַליין, און די מדה, אָדער אייגענשאַפט, וואָס מען גיט איהם צו. אַז מען זאָגט: גאָט איז א חכם, הייסט עס, אַז עס איז אין איהם פאַראייניגט צוויי באַזונדערע זאַכען — גאָטהייט און חכמה. אַזוי ווי מען זאָגט אויף א מענשען, אַז ער איז א חכם, הייסט עס, אַז דער מענש האָט אין זיך די אייגענשאַפט פון חכמה, און אָהן די חכמה וואָלט ער אויך געווען א מענש, וואָרים נאַרישע מענשען זיינען דאָך אויך מענשען.

און נאָך א זאַך: אַז מען זאָגט, אַז גאָט איז א חכם, באַזיצט די אייגענשאַפט פון חכמה, הייסט דאָך עס, אַז דאָס וואָס מען רופט חכמה, איז געווען פריהער פאַר איהם און איז אין איהם באהעפט אָדער פאַראייניגט געוואָרען, און דאָס נעמט אַוועק פון בורא די אחדות און די קדמות. איז ער, כביכול, ניט אַבסאָלוט איינער, און עס איז וואָס געווען פריהער פאַר איהם.

און דאָ פאַלען ארונטער צוויי פון די דרייצעהן עקרים פון די „אני מאמינ'ס" — דער „אני מאמין שהבורא יתברך הוא יחיד" און דער „אני מאמין שהוא ראשון והוא אחרון".

אַזוי איז אויך ניט געהעריג צו באַצייכענען דעם בורא אַלס בעל־כח אָדער גבור. וואָרים, ווען מען זאָגט, אַז ער איז א בעל־כח, א גבור, הייסט דאָך עס, אַז דאָס וואָס מען רופט כח אָדער גבורה איז געווען פריהער פאַר איהם און ער האָט עס ערוואָרבען, און דאָס נעמט דאָך אַוועק דעם ריכטיגען זינען פון גאָטהייט. אַזוי אין אַלע זאַכען און אין אַלע פּרטים.

דער כלל איז, אַז מען קען ניט און מען טאָר ניט צורע־כענען צום בורא קיין שום „הפעלות״, קיין שום מדה אָדער אייגענשאַפט, וואָס ער זאָל האָבען געקראָגען אָדער באַאיינפלוסט געוואָרען פון עפּעס אָדער דורך עפּעס.

גלויבען, — זאָגט דער רמב״ם, — אין אחדות הבורא און צורעכענען צו איהם „תוארים״, חוץ זיין עצם, אויסער זיין וועזען, איז אַלץ איינס ווי די קריסטליכע אמונה, וואָס איהר פּרינציפּ איז: דאָס גלויבען אין „דריי־איינינקייט״.

עס זיינען דאָ מחקרים, וואָס ווילען האָבען, אַז טאַקע אַנדערע „תוארים״ ניט, מען קען אָבער צום באַשעפער צורע־כענען די „תוארים״, טיטולען אָדער באַצייכנונגען: חי, חכם, יודע, רוצה. דער „מורה״ ווייזט אָבער דאָס אויך צוריק, ווייל וועלכער „תואר״ עס זאָל ניט זיין איז אַ מקרה, אַ טראָף אָדער אַ צופאַל, ווייל ווען מען זאָגט אויף אַ מענשען, אַז ער לעבט, האָט ער געקענט זיין געשטאָרבען; ווען מען זאָגט אויף איינעם, אַז ער איז אַ קלוגער, האָט ער דאָך געקענט זיין אַ נאַר, און אַזוי אַלעס. און וויבאַלד אַ צופאַל, וואָס יענער האָט גראָד ערוואָרבען, איז דאָך דאָס געוועזען פריהער, עס האָט דאָך געמוזט זיין פון פריהער, און אויף גאָט קען מען דאָס ניט זאָגען און מען טאָר ניט זאָגען, אַז עטוואָס איז געווען פריהער פאַר איהם.

אפילו אחד, אין דעם זין ווי מיר פאַרשטעהען אחדות, — זאָגט דער רמב״ם, — איז אויך ניט קיין ריכטיגע באַצייכנונג אויף גאָט. וואָרים אַ צאָהל איז ניט דער עצם פון די זאַכען, וואָס ווערען געצעהלט. מען קען זאָגען: איין מענש, איין בוים, איין שטיין, און אַזוי אויף אַלעס קען מען זאָגען איינס אָדער מעהר. און דער צאָהל אָדער דאָס צעהלען, דער באַגריף פון צעהלען, איז אנטשטאַנען פריהער, וואָרים אַז עס זאָל ניט זיין קיין צאָהל, קיין חילוק אין דעם מענשען׳ס געדאַנק אָדער באַגריף פון ווייניגער און מעהר, וואָלט מען דאָך ניט געוואוסט צו צעהלען, הייסט דאָך עס, אַז דער באַגריף פון צעהלען איז געשאַפען געוואָרען פריהער פאַר די אחדות הבורא, טאָ ווער האָט עס געשאַפען?

דעריבער, — זאָגט דער רמב״ם, — אַזוי ווי עס איז פאַלש

צו זאָגען, אַז עס זיינען פאַראַן מעהר געטער, אַזוי איז אויך פאַלש צו זאָגען, אַז ער איז איינער אין דעם זין ווי מיר פאַר־שטעהען אחדות.

וואָס דען, — זאָגט ער, — אָדער ווי דען דאַרפען מיר גלויבען? מיר דאַרפען גלויבען, אַז ער איז איינער, אָבער ניט אין דעם זין ווי מיר באַגרייפען עס; ער איז חי, אָבער ניט אין דעם זין ווי מיר פאַרשטעהען אונטער'ן וואָרט לעבען. אַזוי אויך מיט די „תוארים" חכם, יכול, רוצה און אנדערע.

ווי באַלד אַז אַזוי, איז דאָך אַ פראַגע, וואָרום ווערט דאָך דער בורא באַצייכענט מיט תוארים אין תנ"ך און אויך אין תלמוד און מדרשים? איז דער תירוץ: „כדי לשבר את האוזן", כדי מענשען זאָלען פאַרשטעהן און האָבען אַ באַגריף, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט.

דאָס איז, אַזוי ווי עס ווערט אויף איהם געזאָגט: „ראה", ער האָט געזעהן, „שמע", ער האָט געהערט, „דיבר", ער האָט גערעדט, אַלץ מעשים פון שטערבליכע, אָבער מיינען מיינט עס ניט. „ראה" און „שמע" מיינט: ער האָט משיג געווען, ער האָט באַגריפען, און „דיבר" מיינט: ער האָט משפיע געווען. וואו עס שטעהט „וידבר ד'" אָדער „ויאמר ד'", מיינט עס ניט, אַז ער האָט טאַקע גערעדט אָדער געזאָגט, נאָר ער האָט אויף די באַטרעפענדע משפיע געווען, אַז זיי זאָלען פאַרשטעהן און באַגרייפען זייער שליחות. און אַזוי ווי עס ווערט גערעדט מיט'ן לשון זעהן, הערען און ריידען, ווערט אויך געזאָגט אין פסוקים: „עיני ד'", גאָט'ס אויגען, „אזני ד'", גאָט'ס אויערען און „פי ד'", גאָט'ס מויל, און אַזוי אַ סך אַנדערע ביישפּילע, וואָס „דברה תורה כלשון בני אדם", וואָרים אָהן דעם וואָלטען אומוויסענדע מענשען ניט געהאַט קיין אָהנונג אַז עס איז דאָ אַ גאָט, וואָס איז אַ „נעלה מכל חסרון", וואָס עס פעהלט איהם קיין זאַך, קיין השלמה לויט דעם מענשליכען באַגריף.

אָבער דער פּראָסטער מענש, — זאָגט דער „מורה", — וואָס זיין שכל איז ניט אַנטוויקעלט גענוג, דאַרף ניט וועלען משיג זיין די ריכטיגקייט פון גאָטהייט, ווייל דאָס וועלען גרונ־טעווען זיך אין דעם מיט אַמאָל קען ברענגען צו כפירה. דאָס

גריבלען זיך און דאָס גרונטעוועו זיך אין דעם ענין איז טאַקע די אמת'ע חכמת התורה, אָבער צו דאַפּטאָם, צו שנעל איז דאָס אזוי שעדליך אזוי ווי קאָרמענען א זויג־קינד מיט פליש אָדער אַנדערע גראָבע מאכלים, וואָס עס פּאַראורזאַכט דעם קינד'ס טויט, ניט מחמת די מאכלים זיינען שעדליכע, נאָר וויל דעם קינד'ס מעגעלע קען עס ניט פאַרדייהען. מען מוז שפּייזען א קינד בהדרגה, ביסלאַכוויז אַלע מאָל מיט שווערערע שפּייזען, ביז עס ווערט גוט אנטוויקעלט און קען שוין פאַרדייהען אַלעס. אזוי איז אויך מיט דער חקירה פון גאָטהייט, דאַרף מען ביס־לאַכוויז געהן פון לייכטער צו שווערער, אויב נאָר מען וויל זיך אָפּגעבען דערמיט און דער שכל איז בכח צו דערגרייכען העכערעס, אָבער ניט קלעטערען הויך, ווען די כחות זיינען שוואך דערצו.

ווענען לויבען גאָט, זאָגען אויף איהם שבחים, זאָגט דער „מורה", אז דער בעסטער שבח איז שווייגען. אזוי ווי דוד המלך זאָגט אין תהלים: „לך דומיה תהלה", צו דיר, גאָט, איז שווייגען א לויב. ער ציטירט אויך א גמרא: איינער האָט געדאַוונט ביי ר' חנינא און האָט אויסגערעכענט א צעטעל פון שבחים: „האל הגדול, הגבור, והנורא, האדיר, החזק והאמיץ". האָט ר' חנינא צו איהם געזאָגט סאַרקאַסטיש: „האָסטו שוין אויסגערעכענט אַלע שבחים פון גאָט? מעהר ווי „הגדול, הגבור והנורא" דאַרף מען ניט זאָגען. און ווען משה רבנו וואָלט די דאָזיגע ווערטער ניט געזאָגט, און די אנשי כנסת הגדולה וואָלטען עס ניט אריינגעשטעלט אין שמונה עשרה, וואָלט איך אָט די דריי שבחים אויך ניט דערמאָנט". און ער האָט איהם געגעבען א משל צו א מלך, וואָס פאַרמאָגט א מיליאָן גאָלדענע רענדלאַך און מען זאָגט אויף איהם, אז ער פאַרמאָגט זילבערנע מטבעות, ניט קיין גאָלדענע, איז דאָס ניט אן ערנידערונג פאַר'ן קעניג? אזוי איז אויך מיט די שבחים: דו זאָגסט אויף גאָט געוויסע שבחים, וואָס ערנידעריגען איהם, וויל עס קומט איהם א סך מעהר, אזוי פיל, אז א מויל קען עס גאָר ניט ארויסריידען.

און דער רמב"ם איז שטאַרק מתרעם אויף די „פּתיים באמת", אויף די ריכטיגע נאַראָנים און בייזערט זיך אויף זיי

דערפאר וואָס זיי האָבען פארפאסט פיוטים, שירים און מליצות מיט ווערטער און אויסדרוקען, וואָס ווען מען זאָגט זיי אויף אַ מענשען, וואָלט ער פארשעמט געוואָרען. עס זיינען, — זאָגט ער, — אין מאנכע פון די דאָזיגע פארפאסטע שבחים פאראַן אויסדרוקען, וואָס שמעקען מיט כפירה, און זאַכען וואָס זיינען לעבערליך, אָבער ווען מען באטראכט זיי גוט דארף מען וויינען, וואָס מענשען ערלויבען זיך צו זאָגען אזעלכע ווערטער אויף גאָט.

מען דארף ניט, — זאָגט דער „מורה" — צוגעבען נאָך צו דעם, וואָס די אנשי כנסת הגדולה האָבען מתקן געווען אין אונזערע תפלות און ברכות, ווייל לפי ההכרח, על פי נויט איז דאָס גענוג און נאָך יותר מדי, מעהר ווי גענוג.

אין אַן אַנדער פלאַץ, וואו דער בעל „מורה נבוכים" רעדט וועגען די שמות של הקב"ה, וועגען גאָט'ס נעמען, לאכט ער אָפּ פון קמיעות און פון ספרים, וואו עס זיינען פארשריבען קמיעות מיט משונה'דיגע ווערטער און עס ווערט געזאָגט, אַז זיי טוען אויף וואונדער.

ער רופט אָן די קמיעות־פארפאסער משוגעים — „שגעון כותבי הקמיעות" — און איז זיי מבטל. פאר אַן אָדם שלם, פאר אַ פאָלקאָמענער מענשען, — זאָגט ער, — פאסט ניט צו הערען וועגען זיי. האָבען אין זיי אמונה — אודאי ניט.

ה.

חיוב, שלילה, סבה ופועל

דער „מורה נבוכים" וויל האָבען, אז אלע „תוארים", טיטולען אָדער באצייכענונגען, וואָס ווערען אָנגעגעבען אויף השי"ת אין די היילינע שריפטען, דארפען פשוט'ע מענשען אויסטייטשען ניט „בחיוב", נאָר „בשלילות". ניט, הייסט עס, אין פּאָזיטיווען זינען, נאָר אין נעגאטיוו, אין די געגענזאצען פון די באדייטונגען פון די ווערטער. אומעטום, וואו עס ווערט, למשל, געזאָגט: „אל חי", לעבעדיגער גאָט, דארף ביי פשוט'ע מענשען אָנגענומען ווערען, אז דאָס באווייזט נאָר, אז ער איז ניט טויט, אָבער מען זאָל ניט דענקען, אז זיין לעבען איז דאָס וואָס מען פארשטעהט אונטער'ן וואָרט „לעבען".

פאר איינפאכע מענשען, — זאָגט דער רמב"ם, — איז גאָט'ס לעבען אונבאגרייפליך. מיט'ן פשוט'ן שכל קען מען ניט משיג זיין ווי אזוי דאָס איז. איז גענוג צו וויסען, צו איבערצייגט זיין, אז ער איז ניט טויט.

אזוי זיינען אלע ווערטער און אויסדריקע, וואָס באצייכענען דעם באשעפער, דארפען אויסגעטייטשט ווערען אין נעגאטיוו, אז ער איז ניט דער געגענזאץ פון דעם וואָס עס ווערט געזאָגט, כדי צו וויסען, אז ער איז פאָלקאָם אין אלע פאָלקאָמענהייטען און עס איז אין איהם ניטאָ קיין חסרון, קיין פעהלערהאפט, אָבער אין וואָס זיין שלמות, זיין פאָלקאָמענהייט באשטעהט, ווייסט מען ניט, איז ניט אזוי לייכט צו באגרייפען.

וואָרים — ערקלערט דער רמב"ם — א „תואר", א באצייכנונג מעלדט ניט אָפּ בלויז דעם „מתואר", דעם וואָס מען וויל באצייכענען. ווען מען זאָגט, צום ביישפּיל, אויף א מענשען, אז ער איז א חי, א לעבעדיגע באשעפענים, איז דאָך דער מענש ניט דער איינציגער אין דעם פרט. א בהמה און

א חיה לעבען דאָך אויך. הייסט דאָך עס, אז דער תואר „חי" גילט אויף אַנדערע ברואים אויך. אפילו ווען מען באַטיטולט דעם מענשען אַלס „מדבר", אַלס רעדעוודיגער, ווערט דאָך דאָס געזאָגט אויפ'ן גאַנצען מין מענש. דעריבער, ווען מען טיישטט „בחיוב": „אל חי", דער לעבעדיגער גאָט, נעמט עס פון איהם אוועק די „התיחדות", די אַנדערשקייט פון אַנדערע לעבעדיגע, און מען קען מיינען, אז ער לעבט אַזוי ווי מיר לעבען. ווען מען זאָגט אָבער: „ער איז ניט טויט", הייסט עס, אז טויט איז ער ניט, אָבער ווי אַזוי ער לעבט, ווי זיין אַרט לעבען איז, ווייסט מען ניט.

אזוי איז אויך מיט אַנדערע „תוארים". ווען מען זאָגט, למשל, אויף א מענשען, אז ער איז א חכם, ווייסט מען, אז עס זיינען פאַראַן נאָך חכמים. אפילו ווען מען זאָגט אויף איינעם, אז ער איז דער קליגסטער, שטעלט מען זיך פאָר, אז ער איז אַזוי קלוג ווי שלמה המלך אָדער ווי אַן אַנדער באַריהמטער חכם, און די באַצייכנונג „חכם" גילט ניט אויסשליסליך בלויז אויף איינעם. אויף גאָט אָבער קען מען ניט און מען טאָר דאָס ניט זאָגען, ווייל זיין חכמה איז אונבאַגרייפליך. עס האָט ניט קיין גרענעץ. דעריבער איז גלייכער, אז מען זאָל דאָס וואָרט „חכם" ביי גאָט אויסטייטשען „בשלילה": ניט קיין נאַר. אָבער ווי גרויס אָדער ווי שאַרף זיין חכמה אָדער שכל איז, איז ניט פאַר אַבי וועמען צו באַגרייפען. וואָרים אין קלוגשאַפט, אַזוי ווי אין אַנדערע פאָלקאָמענהייטען, איז ער א יחיד ומיוחד און קיין עהנליכקייט, קיין משל קען צו איהם ניט צוגעפאַסט ווערען.

וואָרים אין קיין זאַך, אין קיין פרט קען מען ניט מאַכען קיין פאַרגלייך פון גאָט צו אונז, אָדער פון אונז צו גאָט, מחמת זאַכען קענען נאָר פאַרגליכען ווערען אין באַצוג, אין וועלכע עס איז שייכות איינע צו די אַנדערע. מען קען, צום ביישפּיל, זאָגען: די און די האָלץ איז האַרט ווי שטיין. דער און דער מעטאַל איז שטאַרק ווי אייזען, וכדומה. מען קען אָבער ניט זאָגען: אז די היץ איז עהנליך צו דעם און דעם קאָליר, אָדער די שטימע איז עהנליך צו דער און דער זיסער פרוכט. אזא

פאַרגלייך איז לעכערליך, ווייל הייך קען ניט האָבען קיין שייכות מיט קאָליר און א קול — מיט פרוכט. אַזוי איז אויך ניט שייך קיין עהנליכקייט צווישען באַשעפער און די באַשאַפענע אויף קיין פאַל און אויף קיין אופן.

אחוץ דעם, ווי שוין געזאָגט אין א פאַריגען קאַפּיטעל, איז דאָך יעדער „תואר", יעדע באַצייכנונג א מקרה, א טראַף אָדער א צופאַל, וואָס עס קען זיין יאָ און ניט. איז דאָך דער „תואר" א צוגאָב צום מהות, צום וועזען, און דאָס נעמט אַוועק די אחדות הבורא, די אמת'ע איינהייט פון גאָט. ווען אָבער אַלע „תוארים" ווערען אויסגעטייטשט „בשלילות", אין נעגאַ־טיוו, פאַרבלייבט גאָט א יחיד ומיוחד, וואָס קיין זאַך ווערט צו זיין עצם, צו זיין וועזען ניט צוגעגעבען.

דעריבער, דרינגט דער רמב"ם ארויס, דאַרפען אַלע „תוארים", אַלע באַצייכענונגען פון גאָט לכתחילה אויסגעטייטשט ווערען „בשלילות", אין נעגאַטיוו. חי: ער איז ניט טויט. חכם: ער איז ניט קיין נאַר. גבור: ניט קיין שוואַכער. יודע: ניט אונוויסענד. יכול: ער דאַרף ניט קיין העלפער, און אַזוי אַלעס. אויף אַזאַ אופן, זאָגט דער רמב"ם, וועט מען גיכער קומען צו ידיעת הבורא, צו פאַרשטעהן די גאָטהייט.

וואָס מעהר „בשלילות", אין נעגאַטיווען זינען, אַלץ מעהר השגה, אַלץ נעהנטער קומט מען צום באַגריף פון בורא. און ער גיט עס צו פאַרשטעהן מיט א משל.

צום ביישפּיל, — זאָגט דער רמב"ם, — א גרופּע מענשען ווייסען פון דעם וואָרט „שיף", אָבער זיי ווייסען ניט וואָס אַזוינס דאָס מיינט, צי דאָס איז א נאָמען פון עפּעס א געגענ־שטאַנד, אָדער דאָס איז א ביי־וואָרט, וואָס דריקט אויס א גע־וויסען באַגריף. פרעגען זיי: „וואָס מיינט דאָס וואָרט „שיף"?" ערקלערט מען איינעם, אַז דאָס איז ניט קיין ביי־וואָרט. א צווייטען זאָגט מען, אַז דאָס איז ניט קיין ביי־וואָרט און אויך ניט קיין נאָמען פון א בעל־חי, פון א לעבעדיגע באַשעפענים. א דריטען גיט מען מעהר דעפיניציע: ניט קיין ביי־וואָרט, ניט קיין בעל־חי און ניט א זאַך וואָס איז געשאַפען פון דער נאַטור. א פירטען גיט מען נאָך צו, אַז דאָס איז ניט פלאַך ווי א ברעט

און ניט קיין מעטאל. א פינפטען גיט מען צו נאך פונקטען: דאס איז ניט טורם־פארמיג, ניט קיילעכדיג און ניט פיר־עקיג. נאך איינעם גיט מען צו נאך א פונקט: דאס האט ניט קיין גלייכע ווענט. האט מען דא קיינעם ניט ערקלערט אויסדריקליך וואס דאס ווארט „שיף" באדייט, נאר אלץ „בשלילות", אין דער נעגאטיווער זייט, אז דאס איז ניט דאס און ניט דאס, ניט אזוי און ניט אזוי. פונדעסטוועגען פארשטעהען מיר, אז דער ערשטער האט ניט געקענט האבען קיין באגריף וואס „שיף" מיינט, די ווייטערדיגע האבען זיך אלץ מעהר דער־נעהנטערט צו דער זאך, און דער סאמע לעצטער האט זיך שוין אין געדאנקען כמעט געקענט פארשטעלען ווי דאס, וואס מען רופט „שיף", זעהט אויס.

(עס איז כדאי צו באמערקען, אז דער רמב"ם האט ניט געמיינט היינטיגע גרויסע דאמפף־שיפען. ער האט זיך בא־צויגען אויף די הילצערנע שיפלאך פון זיין צייט).

און אזוי, — פיהרט דער רמב"ם אויס, — איז ווען מען נעמט אן די „תוארים" פון גאט „בשלילות", אין נעגאטיווען זינען. דעריבער — זאגט ער — איז בעסער צו באטראכטען וואס ער איז ניט ווי דאס וואס ער איז יא, מחמת דאס לעצטע איז שווער צו געפינען. מען דארף זיין א מלומד, זעהר גייסט־רייך צו פארשטעהן די גאטהייט „בחיוב", אין פאזיטיווען זינען, און עס דארף דויערען יאהרען לאנג ביז מען קען דאס דער־גרייכען און באגרייפען.

דער „מורה נבוכים" שטעלט זיך אויך אפ אויף דעם, וואס פילאזאפען רופען אן גאט: „העלה הראשונה" אדער „הסבה הראשונה", די ערשטע אורזאך פון דער שאפונג, און אנדערע ווילען דאס ניט לײדען און זיי רופען איהם „פועל", בעל־מלאכה אדער מייסטער. די לעצטע ווילען האבען, אז „עלה" אדער „סבה" איז ניט ריכטיג, ווייל ווען קען מען זאגען אז עפעס האט פאראורזאכט א צווייטע זאך, ווען דאס צווייטע איז שוין דא. אברהם, למשל, האט א זוהן יצחק, קען מען זאגען, אז אברהם איז די סבה, די אורזאך וואס יצחק איז געשאפען געווארען. אבער וואלט מען זיך אזוי געקענט אויסדריקען

איידער דער יצחק איז אויף דער וועלט געקומען? געוויס ניט. היינט אז השי"ת איז דאָך „אין עת אל מציאותו", זיין עקזיס־טענץ האָט קיין אָנפאַנג, טאָ ווי אַזוי קען מען איהם באַטיטלען אלס „סבה" אָדער „עלה" בכלל, אפילו פאַר דער וועלט באַ־שאַפונג. אָדער אַן אַנדער ביישפּיל:

ווען דאָס, וואָס מיר רופען ליכטיגקייט, וואָלט ניט עקזיס־טירט, וואָלט מען ניט געקענט זאָגען, אז די זון פאַראורזאַכט ליכטיגקייט. מיר זאָגען דאָס אָבער יאָ, ווייל ליכטיגקייט איז דאָ, נאָר ביינאַכט איז עס באַהאַלטען אין דער פינסטערניש, איז די זון די אורזאַך אז דאָס באַהאַלטענע זאָל אַנטפּלעקט ווערען. אַזוי איז מיט אַלעם. ווען קען מען זאָגען „סבה", ווען דער „מסובב", דאָס פאַראורזאַכטע, איז דאָ. היינט ווי אַזוי קען מען זאָגען אז השי"ת איז די סבה פון דער וועלט איידער עס איז גאָר געווען אַ וועלט? דאָס באַטיטלען גאָט אלס „עלה" אָדער „סבה הראשונה" ברייננגט צו דער פאַלשער אמונה פון „קדמות העולם", אז די וועלט איז געווען פון פריהער און די גאַנצע שאַפונג איז געקומען „על דרך החיוב", ער האָט געמוזט ערשיינען צוליב איהם, צוליב גאָט. ווען מיר זאָגען אָבער „פועל", מייסטער, איז די וועלט פריהער ניט געווען, נאָר גאָט האָט זי געשאַפען מיט זיין רצון. וואָרים דער „פועל" מוז דאָך זיין פריהער פאַר דער „פעולה", דער מייסטער, דער בעל־מלאָכה, מוז דאָך זיין פריהער ווי די זאַך וואָס ער מאַכט. אַזוי פּשט'לען זיי אויס.

דער רמב"ם האַלט אָבער ניט אַזוי. ער זאָגט, אז עס איז אַלץ איינס, צי מען זאָגט „סבה", צי מען זאָגט „פועל". ער ערקלערט עס אַזוי:

עס איז דאָ „פועל בכח" און „פועל בפועל", אַן ארבייטער, וואָס איז נאָר בכח, וואָס קען מאַכען די ארבייט, און אַן אַר־בייטער, וואָס מאַכט טאַקע די ארבייט. ווען אַן ארכיטעקט מאַכט אויס אַ פּלאַן פאַר אַ הויז, הייסט ער אַ „בונה בכח". ער איז אימשטאַנד אויפצובויען די הויז, און ווען ער בויט זי אויס איז ער שוין אַ „בונה בפועל", אַ בויער אין דער ווירק־ליכקייט. אַזוי ווי בוי־מאַטעריאַל איז פריהער אַ „בית בכח",

דאָס קען ווערען אַ הויז, און אַז אַ הויז ווערט פון דעם אויס־געבויט, איז עס שוין אַ „בית בפועל", אַ הויז אין דער ווירק־ליכקייט. אַזוי איז אויך מיט „עלה וסבה", וואָס קען אויך זיין „בכח" און „בפועל". איז דאָס וואָס מיר זאָגען אויף השי"ת, אַז ער איז די עלה אָדער סבה הראשונה, די אורזאַך פון דער שאַפונג, מיינט מען עס „בכח", און וויבאַלד „בכח" איז די שאַפונג פריהער ניט געווען, אַקוראַט אַזוי ווי מיר זאָגען אויפ'ן ארכיטעקט, אַז ער איז אַ „בונה בכח", איידער עס איז עפּעס געווען אַ סימן פון אַ הויז.

און אַז מען רופט דעם באַשעפער „פועל", מייסטער, קען דאָך ווער מיינען, אַז ווען עס זאָל זיין די מעגליכקייט, אַז גאָט זאָל ניט ווערען, וואָלט די וועלט אַלץ פאַרבליבען ווי זי איז, אַזוי גוט ווי אַן אַרבייטער מאַכט אַ זאַך און עס פאַרבלייבט אַפילו נאָכדעם ווי דער אַרבייטער איז שוין ניטאָ. דאָס איז אָבער ניט אַזוי. אַז מען רופט השי"ת „פועל" מיינט עס ניט, אַז ער האָט אָפּגעטאָן די אַרבייט און געפּטר'ט. „פועל" מיינט אַ פועל תמידי, אַ שטענדיגער מייסטער, וואָס הערט קיינמאָל ניט אויף צו פיהרען זיין וועלט, ווייל ער איז אַלעס און אַלעס קומט פון איהם. ער איז דער „חי העולם", דער לעבען פון דער וועלט, און זאָל ער ניט זיין, וועט קיין זאַך ניט זיין.

שליסליך, איז קיין בייז ניט, אַז מען זאָל השי"ת רופען „עלה" אָדער „סבה הראשונה", אָדער „פועל". מען זאָל נאָר ניט בלאָנדזשען און ווייסען ווי אויסצוטייטשען די ווערטער.

ז.

די שיטה פון די „מדברים"

אין די ביז איצטיגע קאפיטלאך איז נאך גארניט געזאגט געוואָרען פון דעם רמב"ם'ס שיטה, פון זיינע חקירות אין זיין „מורה נבוכים". איצט געהען מיר איבער צום עיקר, צו זיין פילאָזאָפישער לעהרע.

דער ספר „מורה נבוכים" איז הויפטזעכליך באגרינדעט אויף דער אויפקלערונג פון פיר יסודות פון די עקרים פון אונזער אמונה: מציאות השם, אז עס איז דא א גאָט אויף דער וועלט; אז ער איז א יחיד ומיוחד, אן אבסאָלוטע איינ־ציגקייט; אז ער איז ניט קיין גשמי, קיין קערפערליכעס וועזען; און אז די וועלט איז ניט קיין „קדמון", ניט געוואָרען פון זיך אליין אין די פריהעריגע וויט אייביגקייט, וואָס האָט קיין סוף, נאר גאָט האָט זי באשאפען מיט זיין הייליגען רצון.

איז א פראגע: פון וואָס הויבט מען אן? וועלכער פונקט זאָל פריהער באהאנדעלט און אויפגעקלערט ווערען, כדי מען זאָל שוין צוליב דעם לייכטער קענען ברייגנען ראיות, ריכטיגע ראיות, אויף די אנדערע דריי.

זיינען דא — זאָגט דער רמב"ם — פילאָזאָפען, וועלכע ער רופט „מדברים", דאָס הייסט: כלומר'שטע פילאָזאָפען, וועלכע ריידען נאר אין נאָמען פון חקירה, פון אויפקלערונג, אָבער זייערע דייד האָבען קיין האפט ניט. אָט די „מדברים" ווילען האָבען, אז צוערשט דארף אויפגעוויזען ווערען, אז די וועלט, די גאנצע שאפונג, איז „מחודש", באנייט, באשאפען געוואָרען אין א געוויסער צייט. און וויבאלד מען איז שוין איבערצייגט, אז די וועלט איז ניט געוואָרען אליין, איז דאך שוין במילא זיכער, אז עס איז דא איינער, וואָס האָט זי באשאפען, און דאָס איז גאָט. און נאכהער ברייגנען זיי ראיות,

אז דער באשעפער איז איינער, און אז ער איז ניט קיין קערפּערליכעם וועזען.

מיט דער דאָזיגער שיטה זיינען געגאַנגען די „מדברים", וועלכע זיינען געווען ישמעאלים, און אזוי, זאָגט דער רמב"ם, זיינען פאַראַן נאָכאַהמער פון אונזער אידישער אמונה, וואָס האַלטען מיט זיי.

ער אָבער, דער רמב"ם, איז געגען דער דאָזיגער שיטה. „זה הדרך", — זאָגט ער, — „רחקה נפשי ממנו רחוק גדול מאד". איך בין זעהר ווייט פון דעם וועג, פון דער אַרט און ווייזע ווי זיי פיהרען אָן זייער חקירה, מחמת די ראיות וואָס זיי באווייזען אויף „חידוש העולם", אז די וועלט איז א געשאַפענע, זיינען קיין ראיות ניט און קענען אָפּגעפרעגט ווערען. און וויבאַלד עס איז ניט איבערצייגט, אז די וועלט איז „מחודש", טאָ פון וואַנען ווייסט מען, אז עס איז דאָ א „מחדש", אזא איינער וואָס האָט זי באַנייט, וואָס האָט זי באשאַפען? ניט ברייננגען קיין ראיות, קיין אותות ומופתים, נאָר גלאַט וועלען ארויפצווינגען אויף מענשען זיי זאָלען גלויבען, אז אימיצער האָט געמאַכט די וועלט, כדי ברייננגען זיי צו דער אמונה, אז עס איז דאָ א גאָט — זאָגט דער רמב"ם — איז א פאַלשער שדיט.

און אין אמת'ן, — זאָגט ער, — קען גאָר אויף באשטימט ניט אויפגעציינט ווערען, אויב די וועלט איז „מחודש" אָדער א „קדמון", און מען קען דעריבער אָן דעם ניט אָנהעננגען די אנדערע דריי פּונקטען. דעריבער, זאָגט ער, איז בעסער און פּראַקטישער צו געהן מיט אן אנדער שיטה, מיט אן אנדער סדר: צוערשט באווייזען מיט באשטימטע „מופתים", מיט ריכטיגע ראיות, וואָס קענען ניט אָפּגעפרעגט ווערען, אז עס איז דאָ א גאָט, אז ער איז איינער און איז ניט קיין קערפּערליכעם וועזען, ניט אכטענדיג דאַרויף אויב די וועלט איז „מחודש" אָדער א „קדמון".

„די באווייזע", — זאָגט דער רמב"ם, — „וואָס איך וועל אָנגעבען אויף די דריי פּונקטען קענען זיך נוטה זיין אויפ'ן זייט פון די וואָס זאָגען, אז די וועלט איז א „קדמון", ניט ווייל איך האַלט מיט זיי, נאָר איך וועל זיי אויף א וויילע נאָכגעבען,

כדי דייטליכער און פּינקטליכער ארויסברייגנען די „מופתים", די באַווייזע אויף די אנדערע פּונקטען: אחדות הבורא, אַז גאָט איז איינער, און אַז ער איז ניט קיין קערפּערליכעס וועזען. און נאכהער וועל איך, ווי ווייט מעגליך, זיך באמיהען אויפצייגען, אַז די וועלט איז פּאַרט „מחודש", באשאפען פון גאָט אין א געוויסער צייט.

די הויפּט זאך, זאָגט דער רמב"ם, קען מען זיך ניט פּאַרלאָזען אויף דער שיטה פון די „מדברים", ווייל זייער כלומר'שטדיגע פילאָזאָפישע באַווייזע זיינען פאַלשע, געגען דער אמת'ער וויסענשאַפט. און ער איז מבטיח, אַז דורך זיין שיטה וועט אַלעס קלאָר ווערען, כאָטש לכתחילה וועלען די ערקלערונגען זיין מעהר געגוינגט צו „קדמות העולם".

דאָ גיט דער רמב"ם אָן די באַווייזע פון די אזוי גערופענע „מדברים", וועלכע ער לייקענט אָפּ. ער באַווייזט, אַז זיי זיינען נגד השכל און געגען נאַטור־וויסענשאַפט. אָבער, ווי איך האָב שוין א פּאָר מאָל באמערקט, זעץ איך ניט איבער דעם גאַנצען „מורה נבוכים". דעריבער וועל איך בלויז ברייגנען אייניגע פּרטים לדוגמא, אַלס ביישפּילע, און וועל זיך, מיט גאָט'ס הילף, באמיהען צו 'מאַכען עס פאַרשטענדליך, און די פון גאָט געבענשטע, וואָס קענען אַליין לערנען דעם „מורה נבוכים", וועלען דאָרט געפינען די איבעריגע.

ווי שוין געזאָגט, פאַנגען די „מדברים" אָן מיט „חידוש העולם". זייער ערשטע אויפגאַבע איז צו באַווייזען, אַז די וועלט איז ניט קיין „קדמון". אום דורכצופיהרען די דאָזיגע טעאָריע ווילען זיי האָבען, אַז די וועלט, די גאַנצע שאַפונג בכלל, איז ענטשטאַנען פון „עצמים פרדים", אָדער „חלקים בלתי מתחלקים", פון אַטאָמען, פון מאַטעריע באשטעהענד פון פּיצינקע טיילען, וואָס קענען שוין מעהר ניט צוטיילט ווערען. יעדער גשם, יעדער קערפּער, וואָס געפינט זיך אויף דער וועלט, אָדער אין „חלל העולם", אין וועלט־רוים, באשטעהט פון די אַטאָמען. איין אַטאָם איז גאַרניט אין „כמות". מען קען זיך ניט פאָרשטעלען ווי גרויס דאָס איז, וואָס פאַר אַן אָרט דאָס פאַרנעמט

צוליב זיין קלײנקייט. ווערען אָבער באהעפט מעהרערע אטאָמען, איז דאָס שוין אַן „עפּעס".

די אטאָמען, זאָגען זיי, זיינען ניט קיין „קדומים", נאָר גאָט באשאפט זיי, ווען ער וויל, און דורך זייער באהעפטונג איינע מיט די אנדערע בילדען זיך אָדער ווערען געשאַפען אַלעס וואָס איז דאָ אויף דער וועלט. און ווערען אטאָמען צושיידט, אויב גאָט, הייסט עס, צושיידט זיי, הערט אויף די זאַך, וואָס זיי האָבען פריהער צוזאַמענגעשטעלט, צו זיין דאָס וואָס זי איז געוועזן.

די אטאָמען, ווילען די אזוי גערופענע „מדברים" האָבען, זיינען פול אין „חלל העולם", אין וועלט־רוים, אָבער זיי פאַרנעמען ניט דעם גאַנצען שטח פון וועלט־רוים, נאָר עס איז אין איהם פאַראַן „ריקות", פּוסטקייט, חלקים, וואָס אין זיי איז גאָר ניטאָ, אזוי ווי אַ גאָמבע אָדער אַ ספּאָנדזש, וואָס האָט אין זיך לעכלאַך. וואָרים אויב ניט, ווי אזוי באוועגען זיך די אטאָמען? ווי אזוי קומען זיי זיך צוזאַמען? ווי אזוי צושיידען זיי זיך?

אום מעהר צו באפעסטיגען זייער אטאָמען־טעאָריע, ווילען זיי האָבען, אַז צייט איז אויך צוזאַמענגעשטעלט פון פּיצינקע צייטעלאַך, וואָס קענען ניט מעהר צוטיילט ווערען. לאָמיר עס רופען „צייט־אטאָמען". די „מדברים" האָבען געמוזט אָננעמען די דאָזיגע טעאָריע פון „צייט־אטאָמען", ווייל אריסטאָטעל האָט אָנגעגעבען אַ כלל, אַז שטח אָדער שטרעקע, צייט און באוועגונג פאַרגלייכען זיך פּראָפּאָרציאָנעל און טיילען זיך נאָך'ן ערך גלאַך. למשל, אַז אַ מייל, לאָמיר זאָגען, דויערט דורכצוגהען אַ האַלבע שטונדע, איז אַ האַלבער מייל — אַ פערטעל שטונדע, אַ פערטעל מייל — אַן אכטעל פון אַ שטונדע, און אזוי כסדר. גלייכט זיך אוים די באוועגונג, דער גאַנג, הייסט עס, מיט דער שטרעקע און מיט דער צייט.

דעריבער מוזען זיי זאָגען, אַז כשם אזוי ווי שטח אָדער מאָס באשטעהט, לפי דעתם, פון אטאָמען, פון אזעלכע ברעקעלאַך, וואָס קענען שוין מעהר ניט געטיילט ווערען, אזוי איז אויך מיט דער צייט. וואָרים אויב מען וועט זאָגען, אַז צייט

קען זיך טיילען און טיילען אָהן א סוף, וועט מוזען אויסקומען, אז א שטח אטאָם זאָל צושניטען ווערען פון דער צייט.

איך וועל די זאך אילוסטרירען.

לאָמיר פון באקוועמליכקייט וועגען אָננעמען, למשל, אז א סעקונדע איז א „צייט־אטאָם", די קירצעסטע צייט. שפאַלטען א סעקונדע אויף האלב קען מען ניט. איצט לאָמיר זיך פאָר־שטעלען, אז עס ליגען אויסגעלייגט טויזענט מיט איינס אטאָמען אין איין רייהע, און אריבערפיהרען איבער דעם מיט א נאָדעל דויערט א סעקונדע, שטימט עס. ווי איז אָבער, אז מען וועט זאָגען, אז א סעקונדע קען נאָך געשפאָלטען ווערען אין העלפט, וועט דאָך אויסקומען, אז אין א האלבער סעקונדע וועט מען מיט'ן נאָדעל דורכפיהרען איבער פינף הונדערט און א האלבען אטאָם. הייסט דאָך עס, אז דער אטאָם וועט צושניטען ווערען אויף צוויי.

אדער פאַרקערט: ווען מען זאָל זאָגען, אז שטרעקע קען שטענדיג געטיילט ווערען, אז אין דעם זיינען קיינע אטאָמען ניטאָ, און צייט האָט יא אטאָמען, קומט, הייסט עס, צו אזא טייל, וואָס מען קען שוין מעהר ניט טיילען, וועט אויך פאָר־קומען דאָס זעלבע לויט דעם פאָריגען ביישפיל, נאָר דאָ וועט שוין זיין פאַרקערט: די שטרעקע וועט צושניידען א „צייט־אטאָם". ווען מיר נעמען, למשל, אָן, אז דורכפיהרען א נאָדעל איבער דער שטרעקע פון אן אינטש דויערט טויזענד מיט איינס „צייט־אטאָמען", דויערט דאָך א האלבער אינטש פינף הונ־דערט מיט א האלב פון די פיצינקע צייטעלאך, בכן ווערט צוטיילט אן אטאָם פון דער צייט.

דעריבער האָבען די „מדברים" געמוזט אָננעמען, אז אין צייט זיינען אויך דאָ „פרדים", פיצעלאך, וואָס קענען שוין מעהר ניט צוטיילט ווערען. און דאָס איז איינע פון די הויפּט־גרונדען, פון וועלכע זיי ווילען ארויסדרינגען, אז די וועלט איז „מחודש".

דער רמב"ם שלאָגט אָבער אָפּ די גאַנצע שיטה. צייט, צייגט ער אויף, איז שטענדיג טיילבאר. ניטאָ אזא פיצעלע צייט, וואָס מען זאָל עס ניט קענען צוטיילען. צייט טיילט

זיך אָהן אַ סוף. ווארים אויב ניט, וואָלט דאָך עס געהאַט אַן אָנהויב, וואָלט מען דאָך קענען משער זיין, אַז די צייט האָט זיך אָנגעפאַנגען פון יענער פּיצעלע, וואָס קען ניט צוטיילט ווערען. וואָס אייביגקייט איז קען אַ מענשענ'ס מח ניט באַגרייפען. דאָס איז אַ געטליכער ענין, וואָס אפילו קאָפּ־מענשען, פילאָזאָפען, קענען דאָס ניט אויפכאַפּען, אָבער אויף אַזוי ווייט קען מען פאַרשטעהן, אַז צייט קען ניט האָבען קיין ברעג.

דער כלל, אַז שטח אָדער שטרעקע, צייט און באַוועגונג פאַרגלייכען זיך פּראָפּאָרציאָנעל, זאָגט דער רמב"ם, איז אויך קיין כלל ניט, און אָט איז אַ באַווייז:

לאָמיר זיך פאַרשטעלען אַן עיגול, אַ צירקעל, אַ קיילעכדיגער שטח, וואָס דער קרייז ארום איהם איז אַ מייל, און אַ מענש רינגעלט איהם ארום אין אַ האַלבע שטונדע. אין דעם ראָד איז אינווייניג אויסגעצייכענט נאָך אַ ראָד — פאַרשטעהט זיך, אַ קלענערער; דאַן נאָך אַ קלענערער; און סאַמע אינמיטען אַ קליין רעדעלע. איז אין דער זעלבער האַלבער שטונדע און מיט'ן זעלבען גאַנג, ניט שנעלער און ניט לאַנגזאַמער, רינגעלט ער ארום דעם גרויסען עיגול און אויך די אינווייניגסטע קלענערע קרייזען און אפילו דעם סאַמע קלענסטען קרייז, טאָ ווי אַזוי האַרמאָנירען צייט מיט שטח אָדער שטרעקע?

און די גאַנצע אַטאָמען־טעאָריע, — זאָגט דער רמב"ם, — איז פאַרוויזען, ווייל עס איז גאָר ניטאָ אַזעלכעס. עס עקזיסטירט ניט קיין „חלק בלתי מתחלק", ווארים אויב יאָ, האָט דאָך אַ „מרובע", אַ קוואַדראַט געדאַרפט זיין גלייך צו אַן „אלכסון", צו אַ קרומע ליניע געצויגען פון איין ווינקעל צום אַנדערען. לאָמיר זיך פאַרשטעלען אַזאַ ביישפיל:

מען האָט צוזאַמענגעשטעלט זעכצעהן אַטאָמען אין פיר רייהען, צו פיר אין אַ רייהע, האַרט איינע נעבען די אַנדערע. מאַכט עס אויס אַ קוואַדראַט, אַ פיר־עקיגע קעסטעלע, לאָמיר זאָגען. און צי איהר וועט צעהלען די זייטען, צי איהר וועט צעהלען אין דער קרום פון איין ווינקעל צום אַנדערען, איז אין יעדען דאָ פיר אַטאָמען. דאַרפען דאָך די זייטען און די קרומע ליניע זיין איינע און די זעלבע מאָס, און פאַקטיש איז ניט אַזוי.

דער „אלכסון" איז שטענדיג בערך מיט א דריטעל מעהר פון „מרובע". הייסט עס דאָך, אז די מערהייט אָדער די גרעסער־קייט פון דער קרומער ליניע דאַרף מען יאָ קענען שניידען.

און נאָך א זאַך, — זאָגט דער רמב"ם, — די שיטה פון אטאָמען איז גלאַט געגען די געזעצען פון מאַטעמאַטיק. עס איז באשטימט, אז יעדע קיילעכדיגע זאַך אָדער לענגערע זאַך קען צוטיילט ווערען פונקט אין האלב. הייסט, לאָמיר זיך פאַר־שטעלען: א צאָהל אטאָמען, ניט צום פאָר, לאָמיר זאָגען: פינף הונדערט מיט איינס, ליגען אויסגעלייגט אין א קרייז, אָדער די זעלבע צאָהל ליגען אין א גלייכע ליניע, און וויבאַלד מען קען עס טיילען פונקט אין העלפט, מוז דאָך וויינינגסטענס איין אטאָם צושניטען ווערען.

און וועגען די פוסטקייט אין וועלט־רוים, וועגען זייער השערה אָדער סברא, אז די לופט האָט אין זיך לעכלאָך, וואָס זיינען אבסאָלוט ליידיג — זאָגט דער רמב"ם — אז דאָס איז אויך פאַלש, מחמת וויסענשאַפטליכע עקספּערימענטען האָבען באוויזען, אז עס איז ניט אזוי. און די שיטה פון די „מדברים" איז בטל ומבוטל.

ז.

נאָך וועגען דער שיטה פון די „מדברים"

לויט דער אטאָמען־שיטה פון די „מדברים", ווי דער רמב"ם רופט זיי, האָט יעדער אטאָם, יעדע פּיצעלע, וואָס קען שוין ניט געטיילט ווערען, די אייגענשאפט פון דער זאַך, וואָס מעהרערע פון זיי שטעלען צוזאמען. יעדער אטאָם שנעע, למשל, זאָגען זיי, איז ווייס, און דעריבער איז עס אין גאַנצען ווייס. אין א באוועגענדע זאַך, ווילען זיי האָבען, באוועגט זיך יעדער אטאָם באזונדער, און דעריבער באוועגט זיך עס אין גאַנצען. און אזוי אלעס. אפילו בעלי חיים, ווילען זיי האָבען, באשטעהען אויך פון אטאָמען, און יעדער אטאָם באזונדער לעבט. זאָגט אָבער דער רמב"ם, אז דאָס איז ניט ריכטיג. ס'איז פאַראַן, צייגט ער אָן, א שטיין, וואָס איז גרין, און צושטויסט מען איהם, איז דער שטויב גאָר ווייס. הייסט דאָך עס, אז דער קאָליר „גרין", וואָס איז בלויז א „מקרה", א צופאַל — ווייל עס זיינען דאָך דאָ אנדערע קאָלירען אויך — געפינט זיך בלויז אין כלל, אין גאַנצען שטיין, אָבער ניט אין יעדען אטאָם באַזונדער, ווי די „מדברים" ווילען האָבען.

אזוי איז אויך מיט לעבעדיגע באשעפעניסען. אויב מען זאָל זאָגען אז דאָס לעבען ליגט ניט אין כלל פון יעדע לעבעדיגע בריאה, נאָר אין יעדען אטאָם באזונדער, האָט דאָך אָן אָפּגעשניטענער חלק פון א דבר חי געדאַרפט לעבען, און פאַקטיש איז דאָך ניט אזוי.

דער „מורה נבוכים" שלאָגט אָפּ די אטאָמען־טעאָריע מיט נאָך ארגומענטען און ראיות, און איז מבטל די דאָזיגע שיטה, אויף וועלכער זיי, די „מדברים", גרינדען זייערע ראיות אויף „חידוש העולם", אז די וועלט איז ניט געוואָרען פון זיך אליין, נאָר געשאפען פון גאָט אין א געוויסער צייט.

אָבער ווען מען זאָל אפילו אָננעמען, אז די אטאָמען־

טעאָריע איז אַ ריכטיגע און דערפון איז טאַקע געדרונגען, אַז די וועלט איז „מחודש", ווי אַזוי־זשע ציהען זיי דערפון ראיות אויף אחדות הבורא, אַז גאָט איז איינער? אויף דעם זאָגען די „מדברים":

אַז טאַקע לויט זייער שיטה, אַז אַלעס איז געשאַפען פון אַטאָמען, און די גאַנצע שאַפונג ווערט שטענדיג קאָנטראָלירט, אַז יעדע זאַך זאָל פונקציאָנירען לויט באַשטימטע פונקציעס, און זאַכען זאָלען געשאַפען ווערען און כלה ווערען — אָט טאַקע צוליב דעם מוז מען זאָגען, אַז עס איז ניטאָ מעהר ווי איין גאָט. וואָרים אַז מיר וועלען זאָגען, אַז עס זיינען דאָ צוויי געטער, וואָלט דאָך געקענט פּאַסירען, אַז איינער פון זיי זאָל וועלען אַנדערש ווי דער אַנדערער. איינער וואָלט, למשל, געוואָלט, אַז אַ געוויסע זאַך וואָס איז צוזאַמענגעשטעלט פון „פּרדים", פון אַטאָמען, זאָל זיין היים און דער צווייטער וואָלט געוואָלט עס זאָל זיין קאַלט. וואָלט דאָך געמוזט פּאַסירען איינס פון די ביידע: אָדער עס זאָל זיין ניט וואַרעם און ניט קאַלט, אָדער ביידע צוזאַמען — וואַרעם און קאַלט. און דאָס קען ניט זיין, ווייל יעדער גוף, יעדער געגענשטאַנד מוז מקבל זיין איינעם פון די שני הפכים, פון די צוויי קאָנטראַסטען: אָדער קאַלט אָדער וואַרים, אַזוי ווי עס איז טאַקע אין דער ווירקליכקייט — אַ באַווייז אַז עס איז טאַקע ניטאָ מעהר ווי איין גאָט.

דער רמב"ם שלאָגט אָבער אָפּ דעם דאָזיגען אַרגומענט. ער זאָגט אַזוי:

מען קען טאַקע זאָגען, אַז עס איז דאָ מעהר ווי איין גאָט און קיין קאָנפליקט זאָל צווישען זיי ניט קענען פּאָרקומען, ווייל יעדער פון זיי האָט זיך זיין עובדא. עס קען זיין אַ וואַרימער גאָט און אַ קאַלטער. אפילו—זאָגט ער—מען זאָל זאָגען, אַז עס זיינען פאַראַן צוויי געטער, נאָר איינער האָט צו טאָן בלויז מיט די גלגלים, מיט די הימעלשע קערפּערס, וואָס פיהרען דעם גאַנג פון די שטערען און פּלאַנעטען פון וועלט־רוים און דער צווייטער האַלט זיין השגחה אויף די מאַטעריעלע שאַפונגען פון עולם התחתון, מוזען זיי אַרבייטען אָדער שאַפען בשותפות און איינער דעם

אנדערען זאָל ניט שטערען. און אויב אימיצער וועט פרעגען: היתכן? קומט דאָך אויס, אז יעדרע גאָט קען בלויז טאָן איין זאך און א צווייטע ניט, און ווי איז עס שייך צו זאָגען אויף א גאָט, אז זיין פעולה, זיין ארבייט זאָל זיין באשרענקט? איז אָבער אויף דעם פאראַן א תירוץ:

מען קען טאקע אָננעמען, אז עס זיינען דאָ צוויי געטער און יעדער פון זיי האָט א באזונדערע עובדא, און וואָס איינער קען, קען דער צווייטער ניט. מען קען דאָך ניט זאָגען, אז אימיצער, אפילו א גאָט, זאָל טאָן אונמעגליכעס. אפילו מיר, וואָס מיר גלויבען אין אחדות הבורא, אין מאָנאָטעאיזם, ווייסען מיר אויך אז ער האָט ניט געשאַפען „שני הפכים בנושא אחד", צוויי קאָנטראסטען אין איין זאך, אין איין געגענשטאנד. לאָמיר זאָגען, אז פייער זאָל זיין אי הייס, אי קאַלט, אָדער וואסער זאָל זיין אי נאס, אי טרוקען, ווייל דאָס איז אונמעגליך. דעריבער איז פון זייער שיטה ניטאָ קיין געניגענדער באווייז אז גאָט איז איינער.

די איינגעשמועסטע פילאָזאָפען זוכען נאָך ראיות אויף אחדות הבורא לויט זייער שיטה. זיי זאָגען:

יעדע פעולה, יעדע ארבייט, אָדער שאַפונג, מוז האָבען א פועל, אזא איינעם וואָס האָט עס געמאַכט אָדער געשאַפען. אנדערש קען ניט זיין, וואָרים קיין זאך ווערט דאָך ניט פון זיך אליין. קיין שאַפונג צייגט אָבער ניט וויפיל ארבייטער עס זיינען דערביי געווען באשעפטיגט. מיט איינעם איז מען שטענדיג זיכער און מעהר ווייסען מיר ניט. עס קען זיין אז עס זיינען געווען מעהר און עס קען זיין אז ניט. און „אפשרות", אפשר איז יאָ דאָ א גאָט און אפשר ניט, קען מען ניט זאָגען און מען טאָר ניט זאָגען. דעריבער קען מען אויך ניט זאָגען: אפשר ער אליין האָט באשאפען די וועלט, און אפשר נאָך אימיצער מיט איהם. ווי דען מוזען מיר זאָגען און גלויבען? אז נאָר ער אליין.

זאָגט אָבער דער רמב"ם, אז די דאָזיגע ראיה איז קיין ראיה ניט. מען קען ניט אריינוואַרפען קיין „אפשרות", מען קען ניט צווייפלען אין איהם אויב ער איז דאָ אָדער ער איז

ניטאָ, ווייל ער איז אַ „מחויב המציאות". ער איז געוויס דאָ, אָבער אונזער שוואַכער וויסען אין איהם קען פּאָרט ברייננגען צו „אפשרות", אפשר אַזוי און אפשר אַנדערש. לויט זייער, די „מדברים׳ס", ראיה קען דאָס זיין אַזוי ווי די נוצרים, די קריסטען, וועלכע גלויבען אויך אין גאָט און זיי האַלטען ניט מיט אונזער אמונה, אַז ער איז אַבסאָלוט איינער, און זיי דענקען אין „אפשרות", אַ מעגליכקייט אַז ער איז אַ „דריי איינינקייט". פאָלגליך, איז די ראיה פון די „מדברים" אָפּגעוויזען.

די „מדברים" גיבען אָן נאָך ראיות אויף אחדות הבורא, אָבער דער רמב"ם פּרעגט זיי אַלע אָפּ און ווייזט אויף, אַז זיי זיינען ניט ריכטיג, ניט לאָגיש און ניט לויט די כללים פון אמת׳ע חקירה, פון שכל׳דיגע אויפקלערונג.

וועגען ארונטערנעמען גשמיות פון באשעפער; וועגען ערקלערען אַז ער איז ניט קיין קערפּערליכעס וועזען, גיבען די „מדברים" אָן איינינע ראיות. אָבער, ווי שוין איינינע מאָל באמערקט, איז מיין ציל בלויז צו געבען אויסציגע פון „מורה נבוכים" און ניט איבערזעצען דעם גאַנצען ספר, און איך וועל דעריבער זיך אָפּשטעלען אויף איינער פון זייערע באווייזע. זיי זאָגען:

ווי מען זאָל גאָט ניט אָפּמעלדען אָדער משער זיין אין געדאַנק אַלס גשמי, האָט ער דאָך געקענט זיין אַנדערש, גרעסער אָדער קלענער, פון אַזאַ פאָרמע אָדער אַן אַנדערער, און וויבאַלד אַזוי, האָט דאָך געדאַרפט זיין אימיצער, וואָס זאָל איהם מאַכען אָדער באַשאַפען אין דעם וואוקס אָדער אין דער פאָרמע, ווי מען דענקט ער איז. הייסט דאָך דאָס, אַז גאָט איז די שאַפונג פון אַן אַנדער גאָט. און אויב יענער גאָט איז אויך אַ גשם, אַ קערפּערליכעס וועזען, האָט דאָך איהם ווידער אויך אַן אַנ־דערער באַשאַפען, און אַזוי קען דאָך עס געהן צו אומענדליכ־קייט. דעריבער זאָגען זיי, מוז מען זאָגען, אַז ער איז ניט קיין מאַטעריעלעס וועזען, נאָר אַן „אינו גוף ולא ישיגוהו משיגי הגוף".

דער רמב"ם רעדט ארום דעם ענין באריכות און צייגט אויף די „מדברים", אַז זייערע באווייזע געגען צורעכענען גשמיות צו השי"ת האָבען ניט קיין האַפט. אויך די פריהער

דע־מאַנטע ראיה זייערע רעדט ער ארום ברייט אום אָפּצו־פרעגען זי, און דער תמצית פון רמב"ם'ס געגען־ארגומענט איז פאָלגענדער:

אויף א זאך, וואָס איז פריהער ניט געווען און איז אין א געוויסער צייט געוואָרען, קען מען פרעגען: ווארום אין אזא שיעור אָדער פאָרמע? און דרינגען דערפון, אז עס איז געווען א „מיחד", אזא איינער וואָס האָט עס געמאַכט אָדער געשאַפען אין א שיעור און פאָרמע ווי ער האָט געוואָלט. מען קען עס אָבער ניט פרעגען אויפ'ן באשעפער, וואָס איז א „מחויב המציאות". ווארים ווי מען זאָל ניט דענקען, מוז מען דאָך אָלץ סוף כל סוף קומען צו אזא איינעם, וואָס האָט ניט גע־דאַרפט קיין „ממציא", קיין באשעפער וואָס זאָל איהם האָבען באשאפען, און וויבאלד אזוי, קענען דאָך די וואָס האַלטען אז גאָט איז א גשמי זאָגען: כשם אזוי ווי דער באשעפער גופא האָט ניט געדאַרפט האָבען קיין „ממציא", אזא איינעם, וואָס זאָל איהם באשאפען, אזוי האָט זיך אויך ניט גענויטיגט קיין „ממציא" אויף זיין וואוקס אָדער פאָרמע. אָט אזוי, — קענען זיי זאָגען — איז ער, ווי מיר שטעלען איהם פאָר, און אזוי איז ער געווען פון אייביג אָן.

דעריעבער — זאָגט דער „מורה נבוכים" — איז זייער גאַנצע שיטה א פאַלשע. ניט זיי צייגען אויף „חידוש העולם", ניט זיי צייגען אויף אחדות הבורא, און ניט זיי צייגען אויף אז ער איז אַן „אינו גוף". די אַלע זאַכען זיינען אמת. גאָט איז אַן „אינו גוף", איז א יחיד ומיוחד און איז דער באשעפער פון דער וועלט, אָבער אויף דעם זיינען דאָ אמת'ע באווייזע, ריכ־טיגע ראיות, וואָס קענען ניט אָפּגעפרעגט ווערען.

פון דעסטוועגען, — זאָגט דער רמב"ם, — אויב איינער באנוגענט זיך מיט די באווייזע פון די „מדברים" אויף דעם אז די וועלט איז „מחודש", געשאַפען פון גאָט און ניט קיין „קדמון", ניט געוואָרען פון זיך אַליין אין דער וויטער פריהע־ריגער אייביגקייט, „אני אוהב זה", בין איך צופרידען. און אויב ער נעמט ניט אָן זייערע ראיות, נאָר ער איז א מאמין

בחידוש העולם, ווייל אַזוי שטעהט אין דער תורה און אין נביאים, איז אויך רעכט.

מיט דעם ענדיגט דער רמב"ם דעם ערשטען חלק פון זיין „מורה נבוכים" און ער זאָגט:

„נאָכדעם ווי איך האָב פאַרענדיגט די רייד פון די „מדברים", וועל איך אָנפאַנגען געבען פילאָזאָפישע אויפקלערונגען וועגען מציאות השי"ת, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַז ער איז איינער און ניט קיין גשם. די אויפקלערונגען וועלען אפילו זיין לויט דער שיטה פון די וואָס האַלטען אַז די וועלט איז אַ „קדמון", כאָטש דאָס לעצטע גלויב איך ניט. אָבער נאָכדעם ווי די דריי פונקטען וועלען באַוויזען ווערען קלאָר און דייטליך, וועל איך אריין אין אַ דיסקוסיע מיט יענע פילאָזאָפען און זיי אויפצייגען, אַז די וועלט איז ניט קיין „קדמון", נאָר „מחודש", באַשאַפען פון גאָט".

ח.

דעם רמב״ם׳ס שיטה

נאָכדעם ווי דער רמב״ם, ז״ל, האָט אָפּגעוויזען די שיטה פון די „מדברים״, ווי ער רופט זיי; נאָכדעם ווי ער האָט אויפגעוויזען אז זייערע ראיות אויף „חידוש העולם״, „אחדות הבורא״, און אז גאָט איז ניט קיין גשמי, קיין קערפּערליכעס וועזען, זיינען ניט קיין ריכטיגע, נעמט ער זיך צו זיין אייגענער שיטה, וואָס איז אין פּרטים באגרינדעט אויף דער שיטה פון „אריסטו״ (אריסטאָטעלס) און זיינע נאָכפאָלגער, וואָס האַלטען אז די וועלט איז א „קדמון״, ניט באשאפען פון גאָט אין א געוויסער צייט.

וואָרים וויבאלד אז די ראיות פון יענע פילאָזאָפען זיינען אָפּגעפרעגט, פאלט דאָך שוין במילא אריין א ספק אין מציאות הבורא, אויב עס איז גאָר פאראן א גאָט אויף דער וועלט, און דאָס, זאָגט דער רמב״ם, דארף צוערשט באוויזען ווערען. ער פאנגט דעריבער אָן דערמיט. ער זאָגט:

אַלעס, וואָס איז געשאפען אויף דער וועלט, ווערט ניט פלוצלונג ווי דאָס איז פארטיגערהייט. אַלעס ווערט ענטוויקעלט בהדרגה, ביסלאכוויז. ער רופט עס אָן „תנועה״, באוועגונג. עס ערשיינען זאכען וואָס זיינען פריהער ניט געווען; זאכען וואָס זיינען קליין ווערען גרויס, אָדער פארקערט; זאכען וואָס האָבען איין פאָרמע קריגען אַן אנדער פאָרמע, און זאכען וואָס זיינען אויף איין פּלאַץ ווערען טראַנספערירט, איבערגעצויגען אין אַן אנדער פּלאַץ. און אז מען זאָל באאָבאכטען ווי אזוי די באוועגונגען, די שינויים געהען אָן אין פארשיידענע זאכען, וועט מען זיך איבערצייגען, אז איינס ברייננגט דאָס אנדערע, אז איין סבה שטופּט דאָס אנדערע ביז די לעצטע ווערט דאָס וואָס זי איז. און אז מיר געהען אַלץ אויף צוריק און צוריק

מוזען מיר זיך אָפּשטעלען ביי אַ „מניע", ביי אַ באַוועגונגס־קראַפט, וואָס איז די סאַמע ערשטע. וואָרים עס איז ניטאָ קיין זאַך, אויסער גאָט, וואָס עס זאָל ניט האָבען קיין אָנפאַנג.

דער „מורה נבוכים" גיט פאָלגענדען משל:

אַ שטיין ווערט געקייקעלט פון אַ שטעקען. ווער שטופּט דעם שטעקען אַז ער זאָל קייקלען דעם שטיין? אַ מענשען'ס האַנד. ווער מאַכט עס, אַז די האַנד זאָל באַוועגען דעם שטעקען? די אָדערען, די מוסקולען, די נערוועז, וואָס גיבען דער האַנד דעם כח צו באַוועגען זיך. און וואָס ברייגנט דערצו? דעם מענשען'ס זינען, זיין געדאַנק, דער רצון זיינער, ווייל ער וויל מיט דעם שטיין פאַרריכטען עפּעס אַ זאַך פאַר זיין באַקוועמליכקייט. ער וויל, למשל, פאַרשטאָפּען מיט איהם אַ לאָך דורך וועלכען עס בלאָזט אריין אַ ווינט. איז דער ווינט דער ערשטער „מניע", וואָס האָט דורך די מיטעל פון מענשען'ס רעיון, זיינע אָדערען, מוסקולען און נערוועז און דורך דער האַנד און דעם שטעקען געענדערט די פּאָזיציע פון דעם שטיין.

אָבער דער ווינט איז נאָך ניט די סאַמע ערשטע סבה פון דער זאַך, ווייל מיר דאַרפען נאָך וויסען: ווער אָדער וואָס באַוועגט דעם ווינט אַז ער זאָל בלאָזען? און דאָ קומען מיר צו נאָך אַ „מניע", צו נאָך אַ קראַפט, וואָס ברייגנט דעם ווינט. דאָס איז, זאָגט דער רמב"ם, דער „גשם החמישי". וואָס איז אַזוינס דער „גשם החמישי"? איז אַזוי:

עס איז ידוע, אַז עס זיינען פאַראַן ארבע יסודות, פיר עלעמענטען, וואָס פון זיי באַשטעהט די שאַפונג פון דער וועלט: פייער, וואַסער, ערד און לופט. זאָגען פילאָזאָפען, אַז עס איז נאָך פאַראַן אַ פינפטער גשם, אָדער — איך וועל זיך ערלויבען צו רופען עס „יסוד" אַזוי ווי די ארבע יסודות — און דאָס זיינען די גלגלים, אַ מין מאַטעריע, וואָס רינגעלט ארום און דרעהט זיך אָהן אויפהער קאָנטראָלירענדיג די שאַפונג. אָט דער גשם אָדער יסוד החמישי פאַראורזאַכט עס דעם ווינט. און אַזוי, זאָגט ער, זיינען די אַלע ענדערונגען וואָס קומען פאָר אין דער שאַפונג, אין אַלע עקזיסטירענדע זאַכען אויף דער וועלט, ציהט זיך זייער ענטוויקלונג ביז די „גלגלים".

און אז מיר האלטען שוין ביי די „גלגלים" איז דאך א פראגע: וואס אדער ווער מאכט עס אז די „גלגלים" זאלען זיך דרעהען ארום דעם וועלט־רוים? עס מוז דאך זיין אן „עפעס" וואס זאל ברייגנען דערצו? זאגט דער רמב"ם, אז מען קען ניט זאגען, אז אן אנדער גשם, אן אנדער מאטעריעלעס וועזען באוועגט די „גלגלים", ווארים אויב מיר זאלען אננעמען, אז א זעקסטער גשם באוועגט א פינפטען, מוז דאך שוין זיין א זיבעטער פאר'ן זעקסטען גשם, אן אכטער פאר'ן זיבעטען, און אזוי אהן א סוף. און אזוי ווי עס איז אנגענומען על פי דרכי החקירה, אז עס איז ניטא קיין זאך, וואס זאל ניט האבען קיין ענדע אין צאהל, קען דאך דאס ניט זיין.

מען קען אויך ניט זאגען, אז די „גלגלים" האבען אין זיך אן אינוויינינגסטען כח, וואס באוועגט זיך, מחמת זיי זיינען דאך א גשם, א קערפערליכעס אדער מאטעריעלעס וועזען און אזוי ווי יעדער „גשם" איז א „בעל תכלית", האט אן אנפאנג און א סוף, קען דער כח אין איהם אויך ניט זיין אומענדליך. טא ווי אזוי דרעהען זיך די „גלגלים" שטענדיג אהן אן אויפהער?

זאלען מיר ווידער זאגען, אז די „גלגלים" האבען אין זיך א גייסטיגען כח, א נפש אדער א נשמה, וואס באוועגט זיי, קען דאס אויך ניט זיין, מחמת אויף דעם אופן וואלטען זיי געמוזט האבען מנוחה, רוה. קיין קערפער פון קיין לעבעדיגער באשעפעניש באוועגט זיך ניט שטענדיג. געוויסע אורזאכען ברייגנען לעבעדיגע ברואים צו באוועגען זיך, צו געהן, צו וואנ־דערען פון איין ארט צו א צווייטען, אמאל אפצוטרעטען א געוויסע געפאהר, אמאל צו זוכען עטוואס וואס פעהלט, עטוואס בעסערס אדער מעהר באקוועמליכקייט, און אמאל צוליב א געוויסער פארשטעלונגס־קראפט, אבער קיין אומאויפהערליכע באוועגונג איז ביי זיי ניטא. דערגרייכט וואס זיי ווילען, וואס זיי האבען אין זינען, און דאן רוהען זיי. א מענש, למשל, ווערט באוועגט פון זיין נפש, פון זיין לעבענס־גייסט, אז ער זאל געהן פון שטוב אויפ'ן אויבערשטיבעל. טוט ער עס. געהט ארויף דער גוף און במילא אויך דער נפש, די נשמה זיינע. אבער קומען זיי אהין, רוהען זיי ביידע, אי דער קערפער, אי

די נשמה, די חיות אין קערפּער. טאָ ווי קומט עס פּאָרט וואָס די „גלגלים" רוהען קיינמאָל ניט?

דעריבער מוז מען זאָגען, אַז די גלגלים ווערען באַוועגט פון אַ „נבדל", פון אַן אויסערליכעס וועזען, וואָס איז אָפּגעזונדערט פון זיי. און דער דאָזיגער וועזען איז ניט קיין גוף, קיין קערפּער, וואָרים אויב אַ „גופני", אַ מאַטעריעלעס וועזען, מוז דאָך זיין נאָך אַ „מניע", וואָס זאָל איהם באַוועגען, און אַ „מניע", וואָס זאָל יענעם „מניע" באַוועגען, און אַזוי לאַין תכלית, אָהן אַן ענד. און, ווי שוין געזאָגט, זיינען ניטאָ קיין זאַכען וואָס זיינען אומענדליך אין צאָהל.

און אַזוי מוז מען קומען צום שלוס, אַז עס איז דאָ אַ גאָט, אַן אינו גוף, וואָס דורך איהם ווערען די גלגולים באַוועגט, און ער איז די סבה הראשונה, די ריכטיגע ערשטע אורזאַך, דורך וועלכען אַלעס ווערט פאַראורזאַכט, געפיהרט און רעגולירט.

אום צו באַפעסטיגען די שיטה בריינגט דער רמב"ם אַ שטיקעל חקירה פון אַריסטאָטעלס, וועלכער זאָגט, נעמליך, אַז יעדע זאַך וואָס איז „מורכב", וואָס האָט אין זיך צווייערליי אייגענשאַפטען, איז, אויב איינס פון די צוויי עקזיסטירט באַזונדער, איז זיכער, אַז דאָס צווייטע מוז אויך עקזיסטירען באַזונדער, וואָרים אויב מיר וועלען זאָגען, אַז די צוויי מוזען זיין צוזאַמען און איינס אָהן דאָס אַנדערע איז ניטאָ; אויב דאָס איז אַ נאַטור־געזעץ, אַז די צוויי מוזען זיין פאַראייניגט, וואָלט קיין איינע ניט געוועזן באַזונדער. למשל: אַ זאַך, וואָס דאָס איז זיס און זויער בטבע, פאַרשטעהען מיר, אַז דאָס האָט אין זיך צוויי עלעמענטען, זיסקייט און זויערקייט, און אַזוי ווי מיר ווייסען דאָך אַז האָניג איז בלויז זיס און ניט זויער, איז שוין דערפון געדרונגען, אַז זויערקייט, עסיג, צום ביישפּיל, מוז אומבאַדינגט אויך זיך געפינען אַליין אָהן זיסקייט. דאָס הייסט: ווען מיר זאָלען אפילו ניט ווייסען, אַז עס עקזיסטירט אַזאַ זאַך ווי עסיג, מוזען מיר אָננעמען, אַז דאָס איז דאָ אַן און פאַר זיך.

כך, אַזוי איז מיט דעם ענין פון וועלט־גאַנג. מיר זעהען זאַכען, לאָמיר עס אויך אָנרופען „מורכבים", פון „מניע ומתנעע",

וואָס באַוועגען און ווערען אַליין באַוועגט, אַזוי ווי דער פריהער אָנגעגעבענער משל פון דעם געדאַנק, פון דעם רעיון, וואָס באַוועגט די נערוועז, די נערוועז באַוועגען די האַנט, די האַנט באַוועגט דעם שטעקען און דער שטעקען קייקעלט דעם שטיין. זעהען מיר דאָך פון דעם לעצטען, פון שטיין, אַז ער ווערט באַוועגט און באַוועגט שוין ניט מעהר קיין אַנדער זאַך. קען דאָך זיין אַ „מתנעע" וואָס איז ניט קיין „מניע", אַ זאַך וואָס ווערט באַוועגט פון עפּעס און דאָס באַוועגט שוין ניט קיין אַנדער זאַך, אַזוי מוז אויך זיין אַ „מניע", אַ קראַפט וואָס באַוועגט עפּעס אַנדערש, און ווערט פון קיין זאַך ניט באַוועגט. דאָס איז אויפ'ן זעלבען אופן: אַזוי ווי עס איז דאָ האָניג אָהן עסיג, אַזוי מוז אויך זיין עסיג אָהן האָניג.

און דער ערשטער „מניע", וואָס באַוועגט די גלגלים, אָהן אַ פריהעריגע סבה, איז גאָט.

אַזוי, זאָגט ער, איז אויך מיט „נמצאים", מיט אַלע עקזיסטירענדע זאַכען אויף דער וועלט. די גאַנצע שאַפונג איז אויך „מורכב" פון צווייערליי, פון געשאַפענע זאַכען, וואָס שאַפען ווייטער און געשאַפענע זאַכען וואָס שאַפען ניט מעהר. אַ בוים, למשל, שאַפט זוימען פאַר אַן אַנדער בוים, אָדער די ערד בכלל שאַפט אַלע וואַקסונגען אויף איהר. אַ שטיין אָבער, צום ביישפּיל, איז אַ שאַפונג וואָס שאַפט ניט מעהר. מען קען פון איהם עפּעס שאַפען אָדער מאַכען, אָבער זיין עצם, דער שטיין אַליין שאַפט גאָרניט. ער איז באַשאַפען אַ שטיין און פאַרבלייבט אַ שטיין. איז אַזוי ווי עס איז דאָ געשאַפענע וואָס שאַפען ניט, מוז זיין אַ שאַפער, וואָס איז ניט באַשאַפען, וואָס איז ניט געוואָרען דורך וועלכע עס איז סבה, און דאָס איז גאָט.

ווען מען טראַכט זיך אריין אין דער זאַך, שטימט עס אויך פּינקטליך מיט'ן משל פון די האָניג מיט'ן עסיג.

איז דער באַשעפער אַלזאָ אַ „מחויב המציאות". עס מוז זיין אַ גאָט און אַנדערש קען עס ניט זיין. אַזוי זאָגט דער שכל און אַזוי דיקטירט די לאָגיק און עס קען ניט אָפּגעפרעגט ווערען.

און דער „גשם החמישי", די „גלגלים" זיינען באַשאַפען פון גאָט, די סבה הראשונה, וואָס קיין פריהעריגע סבות זיינען

ניט געוועז. און אז דער בורא איז ניט קיין גשם, איז שוין פריהער ערקלערט געוואָרען.

דער „מורה נבוכים" רעדט דעם ענין ארום טיפער און ברייטער, אָבער דאָס אויבען געזאָגטע איז גענוג צו פאַרשטעהן און באגרייפען דעם ענין, אז עס איז דאָ א גאָט אויף דער וועלט, וואָס איז א ראשון לראשונים, און די הנהגה פון דער וועלט איז דורך איהם.

דאָס איז דער הויפּט־פונדאַמענט, אויף וועלכע דעם רמב"ם'ס חקירה וועגען גאָטהייט איז באגרינדעט. עס מאַכט פאָרלויפיג ניט אויס, אויב די וועלט איז „מחודש", געשאַפען אין א געוויסער צייט פון גאָט אָדער ווי אנדערע מחקרים ווילען האָבען, אז זי איז א „קדמון", אליין געוואָרען אין דער ווייטער פריהעריגער אייביגקייט.

„חידוש העולם", זאָגט דער רמב"ם, וועט ער שפּעטער ערקלערען. אזוי וועט ער אויך ערקלערען אחדות הבורא, אז מעהר ווי איין גאָט איז ניטאָ. ער וועט אָבער פריהער אויפ־קלערען וואָס אזוינס די „גלגלים" זיינען און וואָס עס ברייננגט זיי דערצו, אז זיי זאָלען זיך שטענדיג באוועגען, ארומרינגלען דעם חלל העולם, דעם וועלט־רוים, אָהן מנוחה, אָהן אָפּרוה. און דאָס אלעס אזוי אין איינקלאַנג מיט פסוקים פון תנ"ך און מאמרים פון תלמוד און מדרשים.

ט.

וועגען די גלגלים

דער הויפּט פּונקט, וואָס איז אַרויסגעדרונגען געוואָרען אין פאַריגען קאַפּיטעל איז, אַז השי"ת איז אַ „מחויב המציאות". עס מוז זיין אַ גאָט אויף דער וועלט, ניט צוליב וועלכע עס איז סבות. וואָרים, אויב מיר זאָלען זאָגען, אַז זיין עקזיסטענץ איז געקומען צוליב עפּעס אַ סבה, דאַרף דאָך יענע סבה האָבען אַ סבה, און אַזוי ווייטער אויף צוריק און אָהן אַ סוף, און קיין אומענדליכקייט, אויסער גאָט, איז ניטאָ.

עס איז אויך ערקלערט געוואָרען, אַז השי"ת איז דער סאַמע ערשטער „מניע", די סאַמע ערשטע סבה, וואָס מאַכט די גלגלים באַוועגליך און דרעהען זיך אַרום דעם וועלט־רוים אָהן אויפהער און דורכדעם ווערט אַלעם קאָנטראָלירט, געשאַפען, און דער גאַנצער וועלט־גאַנג איז אָפּהענגיג אָן זיי.

במילא, קען מען שוין ניט זאָגען, אַז גאָט איז אַ גשמי, אַ קערפּערליכעם וועזען. וואָרים, אויב יאָ, וואָלט געמוזט זיין עפּעס, אָדער אימיצער, אָדער וועלכע עס איז אורזאַך, וואָס זאָל איהם, גאָט אַליין, געבען דעם כח, וועלכען די גלגלים קריגען דורך איהם, און יענע אורזאַך וואָלט געמוזט האָבען אַ פריהערינע אורזאַך, און אויך אַזוי פאַרצווייגען ווערען צו אין תכלית, צו אומענדליכקייט.

דאָס באַשטעטיגט שוין אויך, אַז השי"ת איז איינער, אַ יחיד ומיוחד. וואָרים, אַז מען זאָל זאָגען, אַז עס איז דאָ נאָך אַ גאָט, איז דאָך ממה נפשך: קען איינער רעגירען און רעגו־לירען אַלעס, טאָ צו וואָס דער צווייטער? קען דאָס איינער ניט און עס מוזען זיין צוויי, הייסט דאָך עס, אַז איינער איז די סבה פון אַנדערען. ווען איין מענש קען איינער אַליין ניט אויפהויבען אַ געוויסע משא און דאָס ווערט געטאָן אין צווייען,

מוז מען אויף יעדען פון זיי זאָגען, אַז ער האָט די משא אויפ־געהויבען דורך דער סבה פון דעם צווייטענס הילף. און וויבאַלד, אַז גאָט איז אַ „מחויב המציאות", איז ער ניט אָפּהענגיג אָן וועלכע עס איז סבות, ווי פריהער געזאָגט.

זאָל מען ווידער זאָגען, אַז די געטליכע פעולות ווערען געטאָן צייטענווייז פון יעדען איינעם, ווען איינער שאַפט, שאַפט ניט דער צווייטער, טאָ ווער האָט עס געמאַכט אָדער באַשטימט, אַז די צייט זאָל איינער רעגולירען דעם וועלט־גאַנג און אַן אַנדער צייט — אַן אַנדערער? מוז מען דאָך אַלץ קומען צו איינעם.

און זאָל מען זאָגען, אַז די, אַזוי צו זאָגען, אַרבייט איז איינגעטיילט צווישען צוויי געטער און יעדער פון זיי האָט גע־וויסע באַזונדערע עובדא'ס, טאָ ווער האָט עס באַשטימט, אַז דער זאָל טאָן דאָס און דער צווייטער עפּעס אַנדערש? מוז מען דאָך ווידער קומען צו איינעם, צו אַן איינציגער אומבאַשרענק־טער קראַפט, וואָס רעגולירט און קאָנטראָלירט די וועלט דורך די גלגלים.

די גלגלים־שיטה איז פון אַריסטו, אַריסטאָטעלס, און זיינע נאָכפאָלגער. זיי זאָגען:

די גלגלים זיינען בעלי־נפש, באַזיצען אַ מין לעבענס־גייסט, אָבער ניט ווי אַ מענש אָדער אַ חיה. עס איז פאַלש צו זאָגען, אַז זייער באַוועגליכקייט, זייער דרעהען זיך אַרום דעם חלל העולם, אַרום וועלט־רוים, איז אַ נאַטירליכע, אַזוי ווי די נאַטור פון אַ שטיין, למשל, איז צו פאַלען אַרונטער און די נאַטור פון פייער איז צו ציהען אַרויף. ניין, דאָס — זאָגען זיי — האָט ניט צו טאָן מיט טבע, מיט נאַטור. דאָס שטענדיגע באַוועגען זיך זייערער איז אויך ניט צוליב וועלכען עס איז ציל אַזוי ווי דאָס באַוועגען זיך פון לעבעדיגע ברואים, וועלכע דער לעבענס־לוסט ברייננגט אינסטינקטיוו ניט צו רוהען שטענדיג. וואָרים, אויב דאָס וואָלט געווען דער פאַל, וואָלטען זיי, די גלגלים, אַמאָל גערוהט האָבענדיג דערגרייכט זייער ציל. קענען זיי ווידער ניט דערגרייכען דאָס וואָס זיי ווילען און פאַרלאַנגען,

טאָ וואָרום זיין אין שטענדיגער באוועגליכקייט אומזיסט און אומנישט?

זאָגען די פילאָזאָפען, אז היות אזוי ווי די גלגלים זיינען בעלי־שכל, האָבען זיי נאָך דערצו א גוואלדיגע תשוקה צו גאָט, ברוך הוא, און זייער אומאויפהערליכער דרעהען זיך ארום און ארום איז כדי צו טאָן דעם רצון פון באשעפער. און די דאָזיגע תשוקה ענדערט זיך קיינמאָל ניט און ווערט ניט אָפּגעשוואַכט אפילו אויף א רגע און דעריבער האָבען די גלגלים קיינמאָל ניט קיין רוה.

דער „מורה נבוכים" איז מאריך אין דער דאָזיגער ערקלערונג פון אריסטאָטעלס און אנדערע אויפגעקלערטע. אָבער עס איז ניט נויטיג פאַר מיר מאריך צו זיין אין דעם ענין, און דאָס געזאָגטע איז גענוג, מחמת, ווי איך האָב שוין מעהרערע מאָל באמערקט, גיב איך בלויז קורצע אויסצוגען פון „מורה נבוכים".

ער, דער רמב"ם, איז מסכים צו דער אויבען־געבראכטער שיטה. ער זאָגט, אז דאָס איז אין איינקלאַנג מיט דער תורה. די גלגלים, — זאָגט ער, — זיינען ניט טויטע געגענשטאנדען ווי פייער און ערד, ווי נאַראָנים מיינען, נאָר זיי זיינען, ווי די פילאָזאָפען ווילען האָבען, לעבעדיגע זאכען, וואָס דינען זייער האר און ליבען איהם און ריהמען איהם. זאָגט דער פסוק: „השמים מספרים כבוד אל" — די הימלען דערצעהלען פון גאָט'ס כבוד, טאקע ווי ער ווערט ווייטער געזאָגט: „אין אמר ואין דברים", אָהן זאָגאכץ און אָהן רייד, ווי מיר מענשען באגרייפען, אָבער זיי ליבען גאָט. אין ברכת הלבנה אָדער קידוש לבנה, וואָס אונזערע אלטע חכמים האָבען מתקן געווען, ווערט געזאָגט „ששים ושמחים לעשות רצון קונם", זיי, די הימלישע קערפּערס, פרעהען זיך צו טאָן דעם ווילען פון זייער באשעפער. אין דער תורה שטעהט, אז מען זאָל ניט דינען צו קיין הימלישע קערפּערס און דערביי ווערט געזאָגט: „אשר חלק ד' אותם לכל העמים". טייטשט דער רמב"ם: גאָט האָט זיי, די הימלישע קערפּערס, איינגעטיילט צו אלע פעלקער, צו דער גאנצער וועלט, אז זיי זאָלען אויף איהר משפיע זיין. שטימט דאָך

דאָס מיט דער טעאָריע פון די פילאָזאָפען, אז די גלגלים רעגו־לירען דעם וועלט־גאַנג.

און מיר זעהען אין דער פּראקטיק, אז אזוי איז דאָס. עבע און פלוט, דאָס אָפּפאַלען און איבערפלום פון וואסער אין ים, וואָס קומט פאָר אין געוויסע צייטען, ווייסט מען, האָט א שייכות מיט'ן גאַנג פון דער לבנה. און געוויסע אַנדערע נאַטור־ערשיינונגען ווערען אויך פאַראורזאכט פון הימלישע קערפּערס.

אז עס זיינען פאַראַן מלאָכים, אין דעם, זאָגט דער רמב"ם, איז קיין ספק ניט. די מלאָכים זיינען אויך ניט קיין „גשמיים", קיין קערפּערליכע וועזענס. מלאָכים ווערען אָפּגעמאָלט אזוי ווי לעבעדיגע בדואים, וואָס מיר זעהען דאָ אויף דער ערד, אויך „כדי לשבר את האוזן", כדי מענשען זאָלען באגרייפען, אז זיי זיינען דאָ, אז זיי עקזיסטירען, אזוי גוט ווי גאָט אליין ווערט געשילדערט אַלס גשמי, אום פּשוט'ע מענשען מיט שוואכע מוחות זאָלען קענען האָבען א שטיקעל באגריף, אז ער איז דאָ און גלויבען אין מציאות הבורא, כאָטש אויף א האַמעטנעם אופן. דאָס, זאָגט דער רמב"ם, וואָס עס שטעהט אין פּסוק: „הוא אלקי האלקים ואדוני האדונים", מיינט עס, אז ער איז דער גאָט איבער די מלאָכים און דער האר איבער די גלגלים און אנדערע הימלישע קערפּערס, וואָס הערשען איבער אַלע נמצאים, איבער אַלע עקזיסטירענדע זאכען אויף דער וועלט, אויף וועל־כער זיי זיינען משפּיע און ווערען דורך זיי קאָנטראָלירט און רעגולירט. וואָרים, — ערקלערט ער, — מען קען דאָך ניט זאָגען, אז גאָט איז איבער אַנדערע געטער, איבער די געטער פון געצענדינער, וואָס זיינען געמאַכט פון האָלץ, פון שטיין אָדער מעטאַל. וואָס פאַר א כבוד איז דאָס פאַר איהם? און ווי אזוי קען מען גאָר אין זינען האָבען צו גרויסען דערמיט זיין נאָמען?

אריסטאָטעלס האַלט אויך אזוי, מיט דעם אונטערשייד, וואָס מיר רופען זיי „מלאָכים" און ער — „שכלים נפרדים", אָפּגעזונדערטע אינטעלעקטען, וואָס זיינען ניט באהעפטעט מיט קערפּערס, און זיי, ווי מיר זאָלען זיי ניט רופען, מלאָכים אָדער „שכלים נפרדים", זיינען עס גאָט'ס שלוחים, וואָס זיינען

משפיע אויף די גלגלים, אז זיי זאָלען טאָן זייער שליחות, און דינען בכלל דורכצופיהרען אלעם צווישען באשעפער און זיינע געשאפענע.

דאָס, זאָגט דער רמב"ם, שטימט אויך איין מיט דער תורה, וואו עס ווערט פיל מאָל געזאָגט, אז דאָס און דאָס איז געטאָן געוואָרען דורך א מלאך, דורך דער השפעה, הייסט עס, פון א מלאך, אָדער זיין איינפלוס.

עס פארשטעהט זיך, אז די מלאָכים דיידען ניט, באפעהלען ניט און טוען ניט עטוואָס אין דעם זין ווי מיר מענשען פאר־שטעהען און באגרייפען, וואָרים זיי זיינען דאָך ניט קיין גשמיים; אָבער זיי באזיצען א געטליכען, אומבאגרייפליכען כח צו פאר־פאָלקאָמענען אלעס לויט דעם רצון פון גאָט אליין, וועלכער האָט זיי באשאפען.

דער „מורה נבוכים" ברייננט אויך מאמרי חז"ל, וואָס דריקען זיך אויס כמעט ווי אריסטאָטעלס און זיינע נאָכפאָלגער אויף די גלגלים. זאָגט א מדרש רבה, אז עס איז דאָ א „מזל", דאָס איז געמיינט א גלגל, וואָס ענדיגט זיין גאַנג אין דרייסיג טעג און אזעלכער וואָס ענדיגט זיין גאַנג אין דרייסיג יאָהר, און די פילאָזאָפען ווילען אויך האָבען אומגעפעהר אזוי. אָבער אז עס ווערט געזאָגט „ענדיגט" מיינט עס ניט, אז מעהר קומט שוין דער מזל אָדער גלגל ניט אין באוועגונג. עס מיינט נאָר, אז די שטרעקע, וואָס ער רינגעלט ארום, דויערט אזוי פיל און אזוי פיל, אָבער ער ענדיגט זיין מהלך, ער רינגעלט ארום זיין צירקעל אין א געוויסער צייט און דרעהט זיך ווידער אָהן אויפהער.

דאָס האָט, פארשטעהט זיך, צו טאָן מיט אסטראָנאָמיע, וואָס דער רמב"ם מיינט ניט אימיצען צו לערנען. און עס איז א ספק אויב די אסטראָנאָמישע וויסענשאפט פון יענע צייטען שטימט מיט דער מאָדערנער אסטראָנאָמיע. עס איז אָבער קיין חילוק ניט. די שיטה פון די גלגלים פארבלייבט איינע און די זעלבע, און עס מאכט ניט אויס אויב דער מהלך פון די גלגלים איז אזוי אָדער אנדערש.

אויך ברייננט דער „מורה נבוכים" א מאמר חז"ל: „אין

לך כל עשב ועשב מלמטה שאין לא מזל ברקיע שמכה אותו ואומר לו גדל", — ניטאָ אַ גראָז דאָ אויף דער וועלט, וואָס האָט ניט אַ מזל אין הימעל, וועלכער שלאָגט איהם און הייסט איהם וואקסען. דאָס איז אַ שעהנע מליצה טאַקע וועגען דער שיטה, אַז אַלעס ווערט געטאָן און געשאַפען דורך דער פאַר־מיטלונג פון מלאָכים און גלגלים, אַפילו דאָס וואקסען פון גראָזען.

אָבער די אַלע אויפקלערונגען האָבען ניט צו טאָן מיט „חידוש העולם", מיט באַווייזען, מיט אויפקלערונגען, אַז די וועלט איז באַשאַפען פון גאָט אין אַ געוויסער צייט. דאָס זעלבע קען געזאָגט ווערען אויב אַפילו די וועלט איז אַ „קדמון", גע־וואָרען פון זיך אַליין אין דער ווייטער פריהעריגער אייביגקייט. און אַריסטאָטעלעס וויל טאַקע אַזוי האָבען. ער באַשטעהט דורכאויס, אַז די וועלט איז אַ „קדמון", און אין דעם פּרט שטימט דער רמב"ם מיט איהם ניט איין. ער זאָגט, אַז די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען פון גאָט אַ „יש מאין", אַן עפּעס, אַן עקזיסטירענדע זאַך, פון גאָרנישט. אַז עס איז, הייסט עס, פריהער קיין זאַך ניט געווען און מיט'ן רצון פון השי"ת איז אַלעס געוואָרען.

דער „מורה נבוכים" זוכט אָפּצושלאָגען די ראיות, וואָס די פילאָזאָפען ברייינגען אויף „קדמות העולם", כאָטש ער, דער רמב"ם אַליין, גיט צו, אַז קיין ראיות ברורות, קיין ריכטיגע, פולשטענדיגע באַווייזען על פי דרכי החקירה זיינען ניטאָ, ניט אויף „קדמות העולם" און ניט אויף „חידוש העולם".

י.

וועגען חידוש העולם

פון דאָס געזאָגטע אין די פאָריגע קאַפּיטלאַך איז שוין באַשטעטיגט און איבערצייגט, אַז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, אַז ער איז אַן אינו גוף, ניט קיין קערפּערליכעס וועזען, און אַ יחיד ומיוחד, איינער און ניט מעהר. פאַרבלייבט נאָך צו וויסען, אויב די וועלט איז „מחודש", באַנייט, באַשאַפען געוואָרען אין אַ געוויסער צייט, אָדער אַ „קדמון", אָן אין סוף אַזאַ ווי גאָט אַליין.

אין דעם זיינען פאַראַן דריי מיינונגען, דרייערליי דעות, אָדער אמונות.

די וואָס גלויבען אין תורת משה, גלויבען, אַז אַלעס בכלל, די גאַנצע וועלט האָט גאָט באַשאַפען אַ „יש מאין". פריהער איז אַבסאָלוט קיין זאַך ניט געוועזן, ניט קיין הימעל, ניט קיין מלאך, ניט קיין גלגל און קיין זאַך ניט. אפילו צייט, דער איצטיגער באַגריף פון פריהער און שפּעטער, איז אויך פון די זאַכען וואָס זיינען באַשאַפען געוואָרען. דאָס וואָס מיר זאָגען און גלויבען, אַז השי"ת איז געוועזן פריהער פאַר דער וועלט, און דער באַגריף פון וואָרט „געוועזן" ציינט דאָך אויף צייט, מיינט עס אָבער ניט צייט אין אמת'ן זין. דאָס איז נאָר על דרך הדמיון, ווי מיר קענען זיך איצט פאָרשטעלען אין אונזער געדאַנק, אָבער פאַר דער וועלט באַשאַפונג האָט אַזאַ באַגריף ניט געקענט זיין און עס איז ניט געוועזן. אַז עס איז ניט געוועזן קיין וועלט, קיין באַוועגונג, איז ניט שייך געוועזן צו מעסטען צייט. אויב מיר ווילען אָננעמען, אַז עס איז ניט אַזוי, מוזען מיר גלויבען אין „קדמות העולם", אַז די וועלט און דאָס וואָס מיר רופען „צייט" איז ניט באַשאַפען געוואָרען פון גאָט אין אַ געוויסער צייט אַ „יש מאין", אַז קיין „אין",

קיין גאָרניט איז גאָר קיינמאָל ניט געווען, און אין דעם דאַרף מען ניט גלויבען און מען טאָר ניט גלויבען.

דאָס איז די דעה פון די וואָס האָבען אמונה אין תורת משה, און דאָס איז דער סאַמע עיקר, דער ערשטער פון אַלע דרייצעהן עקרים, די „אני מאמינ'ס", וואָס דער רמב"ם, ז"ל, האָט פאַרפאַסט: „אני מאמין שהוא בורא ומנהיג, והוא לבדו עשה ועושה ויעשה לכל המעשים". איך גלויב, אז השי"ת איז דער באַשעפער און פיהרער פון דער וועלט, און ער אַליין האָט געמאַכט און מאַכט און וועט מאַכען אַלע אויפטואונגען.

א צווייטע דעה וויל האָבען, אז גאָט האָט ניט ממציא געווען א דבר מלא דבר. ער האָט ניט באַשאַפען, הייסט עס, אַן עפּעס פון גאָרניט. דאָס, זאָגען זיי, איז אוממעגליך, און אוממעגליכעס קען מען אפילו צו גאָט ניט צורעכענען. אזוי ווי, זאָגען זיי, גאָט אַליין קען ניט מאַכען „שני הפכים בנושא אחד", צוויי קאָנטראַסטען אין איין געגענשטאַנד, אזוי ווי ער קען ניט מאַכען, למשל, אז פייער זאָל אי היצען אי קיהלען, אָדער שניי זאָל אי קיהלען אי היצען; אָדער אזוי ווי עס איז אוממעגליך פאַר איהם צו מאַכען א „מרובע", א קוואַדראַט, וואָס דער „אלכסון", די קרומע ליניע פון איין ווינקעל צום אַנדערען זאָל האַלטען די זעלבע מאָס ווי די „צלעים", די זייטען.

וועגען דעם ענין פון „מרובע" און „אלכסון" איז שוין דערמאָנט געוואָרען אין א פאָריגען קאַפּיטעל. איך וועל אָבער די זאַך נאָך אַמאָל אילוסטרירען.

א שטיקעל פּאַפּיר, וואָס איז, לאָמיר זאָגען, אַן אינטש די ברייט און אַן אינטש די לייגג. איז אין וועלכען זייט איהר וועט דאָס שטיקעל פּאַפּיר מעסטען, וועט אַלץ זיין אַן אינטש. מעסט אָבער אין דער קרים, פון אונטערשטען רעכטען ווינקעל צום אויבערשטען לינקען, אָדער פאַרקעהרט: פון אונטערשטען לינקען צום אויבערשטען רעכטען, איז עס כמעט מיט א האַלבען אינטש מעהר. איז אזוי ווי, זאָגען זיי, גאָט אַליין קען ניט מאַכען, אז די קרומע ליניע זאָל זיין גלייך אין מאָס מיט די זייטען, אזוי איז פאַר איהם אוממעגליך צו מאַכען אַן עפּעס פון אבסאָלוט גאָרניט. און מען קען דאָס — זאָגען זיי —

ניט אָננעמען אַלס אומפּאָלקאָמענהייט. השי"ת איז טאַקע פּאָל־קאָם, אָהן וועלכען עס איז חסרון, אָבער דאָס אוממעגליכע איז פאַר איהם אויך אוממעגליך.

דעריבער ווילען זיי האָבען, אַז עס איז דאָ אַ „חומר קדמון", אַ מאַטעריע אָדער מאַטעריאַל, וואָס עקזיסטירט פון אייביג, גלייך מיט איהם, מיט השי"ת אַליין, און דער דאָזיגער „חומר" איז ביי איהם אַזוי ווי ליים ביים טעפּער אָדער אייזען ביים שמיד און דערפון מאַכט ער וואָס ער וויל. דערפון האָט ער באַשאַפען די הימלען און אַלעס.

און די אַלע געשאַפענע זאַכען, זאָגען יענע אויפגעקלערטע, וועלען קיינמאָל ניט כלה ווערען אינגאַנצען, וואָרים אַזוי ווי גאָט קען ניט מאַכען אַן עפּעס פון גאָרניט, אַזוי קען ער ניט מאַכען פון אַן עפּעס אַן אבסאָלוט גאָרניט.

קומט אויס נאָך זייער שיטה, אַז די וועלט איז טיילוויז אַ „קדמון". דאָס הייסט, דער חומר, דער מאַטעריאַל, פון וועל־כען די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען, איז אַ „קדמון", און גאָט איז ניט געווען אָהן דעם, און דאָס איז ניט געווען אָהן גאָט.

די דריטע דעה איז פון אַריסטאָטעלס און זיינע נאָכפאָלגער, וועלכע האַלטען ניט פון אַ „חומר קדמון". עס איז, זאָגען זיי, אַזעלכעס ניט געווען. נאָר די וועלט מיט אַלעס וואָס געפינט זיך אויף איהר איז אַזוי געווען פון אימער און וועט אַזוי בליי־בען, ווייל זי איז ניט אונטערוואָרפען דעם „הוה ונפסד", דעם שאַפונגס־ און פאַרניכטונגס־פּראָצעס. און אַזוי געהט די וועלט מיט איהר אייביגער נאַטירליכקייט און קיינע „מחודשות", קיינע נייאיגקייטען קומען איין איהר ניט פאָר. עס קומען פאָר, ווי אונז זעהט אויס, שינויים, ענדערונגען, אָבער דאָס איז ניט קיין ענדערונגען. אָט אַזוי דאַרף עס זיין פון דער נאַטור און אַזוי מוז עס זיין פון זיך אַליין, מחמת, זאָגען זיי, גאָט ענדערט ניט זיין ווילען, זיין פאַרלאַנג. מען קען ניט זאָגען, אַז היינט וויל ער אַזוי און מאָרגען אַנדערש.

אַריסטאָטעלס גיט צו, אַז די סבה פון דער שאַפונג איז טאַקע השי"ת, צוליב זיין עקזיסטענץ איז געוואָרען אַ וועלט

אליין פון זיך מיט זיין רצון, מיט זיין צושטימונג, אָבער ער שאַפט ניט כסדר מיט שטענדיגער השגחה און באַנייאונג.

אויף די לעצטעביידע שיטות גיבען די פילאָזאָפען אָן ראיות, וועלכע דער רמב"ם שלאָגט אָפּ. ער גיט אָבער צו, אַז נאָך אַלע אַרגומענטען, וואָס ער גיט אָן געגען יענע שיטות, איז נאָך אַלץ ניט ריכטיג באַוויזען, אַז די וועלט איז „מחודש". ער באַשטעהט אָבער, אַז די ראיות אויף „חידוש העולם" זיינען שטאַרקער ווי די ראיות וואָס יענע ברייגען אויף „קדמות העולם". אויב, זאָגט ער, די באַווייזען, אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפען, זיינען אַ קאַפּעלע ניט שטאַרק גענוג, זיינען די ראיות פון די פילאָזאָפען, אַז די וועלט איז איינגאַנצען אַליין געוואָרען אָדער איז באַשאַפען פון אַ „חומר קדמון", זעהר און זעהר שוואַכע.

אפילו אַריסטאָטעלעס אַליין, ציינט אויף דער רמב"ם, האָט ניט געגלויבט אין זיין אייגענער שיטה, אַז זי איז ריכטיג איבער־ציינענד. ער אַליין האָט אויך געצווייפעלט אין דעם. ער אַליין האָט געפונען ספקות אין זיין טעאָריע, און מען קען זיך דערי־בער ניט פאַרלאָזען אויף איהם, ווען עס זיינען דאָ שטאַרקערע באַווייזען געגען איהם.

דער רמב"ם דריקט זיך אויס צו די לערנער פון זיין „מורה נבוכים" אַזוי:

ווייסט, אַז דאָס וואָס מיר אַנטלויפען, וואָס מיר ווילען, הייסט עס, ניט אָננעמען די לעהרע פון די וואָס זאָגען, אַז די וועלט איז אַ „קדמון", איז ניט צוליב דעם, ווייל דאָס איז געגען אונזער תורה, וואָס דערצעהלט אין בראשית, אַז גאָט האָט די וועלט באַשאַפען. וואָרים מיט וואָס זיינען די פסוקים, וואָס ציינען אויף „חידוש העולם" בעסער פון די פסוקים אין דער תורה, וואָס מעלדען אָפּ גאָט אַלס אַ גשמי, אַלס אַ קער־פּערליכעס וועזען? און כשם אַזוי ווי מיר טייטשען יענע פסוקים אויס אַנדערש און מיר נעמען פון איהם אַוועק די גשמיות, אַזוי קען מען אויך די מעשה פון בריאת העולם, פון דער וועלט־באַשאַפונג אויסטייטשען אַנדערש. און דאָס וואָלט אפשר געווען אַ סך לייכטער און מיר וואָלטען גיכער געקענט

אויסטייטשען די פסוקים אזוי, אז זיי זאָלען שטימען מיט דער שיטה פון „קדמות העולם". ווארום־זשע טוען מיר דאָס ניט? און ווארום גלויבען מיר ניט, אז די וועלט איז א „קדמון"? אויף דעם זיינען פאראן צוויי סבות, צוויי אורזאכן.

די ערשטע זאך, זאָגט ער, איז: אז גאָט איז אן „אינו גוף", ניט קיין קערפערליכעס וועזען, איז דאָך באוויזען געוואָרען מיט ראיות ברורות, מיט ריכטיגע באווייזען. הייגט, אז עס זיינען פאראן פסוקים, וואָס מעלדען איהם אָפּ אלס גשמי, מוז די זאך אויפגעקלעט ווערען, אז די פסוקים מיינען עטוואָס אנ־דערש, כדי עס זאָל שטימען מיט די „מופתים", מיט די אויפ־ציינענדע ראיות, אז ער איז ניט גשמי. אויף „קדמות העולם" זיינען אָבער ניטאָ קיין גענינענדע באווייזען און עס איז ניט זיכער, אז עס איז אזוי. טאָ ווארום זוכען אנדערע אויסטיי־טשונגען אויף די פסוקים, כדי צו זיין אויפ'ן צד פון א ספק?

און א צווייטע אורזאך, — זאָגט ער, — איז: אז די אמונה, אז השי"ת איז ניט קיין גשם איז ניט סותר, מאכט ניט קיין ווידערשפרוך, געגען דער תורה און לייקענט ניט קיין מאמר פון א נביא. מעהר ניט נאראָנים קענען דענקען, אז דאָס איז א סתירה, אז דאָס איז אן אָפּלייקענונג פון געוויסע פסוקים אָדער אויסדרוקען. עס שטעהט, למשל, בפירוש: „יד ד'", „עיני ד'" אָדער „פי ד'", גאָט'ס האנט, גאָט'ס אויגען, גאָט'ס מויל, און מען זאָגט זיי, אז גאָט האָט גאָרניט קיין מענשליכע גלידער. דאָס קען ביי אומוויסענדע אויפפאַלענד זיין. דער אמת אָבער איז דאָך, אז עס איז פאָרט אזוי. דאָס איז דאָך בארעכטיגט על פי דרכי השכל, אז אזוי איז דאָס. די אמונה אָבער אין „קדמות העולם", ווי אריסטאָטעלס וויל האָבען, צוּוואַרפט דאָך די גאנצע אמונה, צושטערט די יסודי התורה און מאכט צונישט אלע נסים און וואונדער און לייקענט אָפּ אלע פארשפרעכונגען, וואָס די תורה האָט פארזיכערט. וואָרים, לויט זיין שיטה קומט אויס, אז דער וועלט־גאנג איז א טבע־זאך. אָט אזוי איז עס פון אייביג־אָן און אָט אזוי וועט עס פארבלייבן לעולם ועד. אָבער אזוי ווי עס איז ניטאָ קיין איבערצייגונג אויף זיין שיטה און ניט אויף די שיטות פון אנדערע פילאָ־

זאָפּען, דאַרפען מיר ניט שענקען קיין אויפמערקזאַמקייט אויף זיי, אויף די פילאָזאָפען, און טייטשען די פסוקים פון בריאת עולם מיט זייער פשוט'ן טייטש, און צוגעבען, אַז די תורה זאָגט אונז אַזעלכעס, וואָס מיר זיינען ניט בכח משיג צו זיין.

דער רמב"ם לייקענט ניט אין טבע, אין פילע זאַכען וואָס געהען מיט זייער נאַטירליכען גאַנג. ער צייגט אָבער אָן, אַז עס האָבען פּאַסירט זאַכען, וואָס זיינען חוץ לדרך הטבע, ווי, למשל, וואָס משה'ס שטעקען איז געוואָרען אַ שלאַנג, וואָס די וואַסערען אין מצרים זיינען פאַרוואַנדעלט געוואָרען אין בלוט. אָבער דאָס און אַנדערע נסים, ערקלערט ער, זיינען באַשטימט געוואָרען משׁשׁת ימי בראשית. איז דאָ אַ מאמר חז"ל: ר' יוחנן זאָגט: „תנאי התנה הקב"ה עם הים" — השי"ת האָט אויסגענומען אַ תנאי מיט'ן ים, „שיהיה נקרע", אַז ער זאָל זיך שפּאַלטען פאַר די אידען. און אַזוי אויך אין אַנדערע זאַכען.

און פון זאַכען וואָס ערשיינען אין דער נאַטור, — זאָגט דער רמב"ם, — קען מען גאָר קיין ראיה ניט נעהמען אויף דאָס וואָס איז געווען פריהער, ווייל יעדע זאַך וואָס ווערט ענטוויקעלט און געפינט זיך אין אַ פאָלקאָמענעם צושטאַנד, איז ניט אַלץ איינס ווי זי איז געווען פריהער איידער זי איז געקומען צו פאָלקאָמענהייט, און ער גיט צו דעם אַ משל:

אַ אינגעלע איז געבוירען געוואָרען און אין עטליכע חדשים ארום נאָך זיין געבורט איז זיין מוטער געשטאָרבען. דער פאָטער האָט דאָס זויג־קינד צוגענומען און אַוועק מיט איהם אויף אַן איינזאַמען אינזעל, וואו ער האָט זיך אויסגעהאָדעוועט און איז געוואָרען אַ בר־דעת, אַ מענש מיט שכל. קיין מענשליכע פּרויענצימער און קיין „זי", קיין נקבה פון אַנדערע לעבעדיגע ברואים, האָט דער אינגעלע קיינמאָל ניט געזעהן. האָט ער געפרעגט דעם פאָטער: „ווי אַזוי זיינען מיר געוואָרען? ווי אַזוי זיינען מיר געקומען אויף דער וועלט?" ערקלערט דער פאָטער דעם יתום זיינעם, אַז מענשען ווערען געבוירען פון נקבות. מען ווערט באַשאַפען אין בויך פון אַ פרוי. דאָרט האָדעוועט זיך דער מענש אויס ביסלאַכווייז ביז עס קומט אַ צייט, ווען ער ווערט

געבוירען, ער געהט ארויס פון דער מוטער'ס בויך און וואקסט ביסלאכווייז אויס און ווערט א פאלקאמענער מענש.

דער יתום וועט עס בשום אופן ניט וועלען גלויבען. ווי אזוי איז דאס מעגליך, אז א מענש, ווי קליין ער זאל ניט זיין, זאל קענען לעבען אין בויך פון אן אנדער מענשען? און ווען א מענש זאל, למשל, דערשלינגען א לעבעדיגע פויגעלע, וועט עס דארט לעבען? און ווי אזוי קען מען לעבען אהן עסען און אהן טרינקען און ניט האבען פריי צו אטעמען?

דער יתום יענער, — פיהרט אויס דער רמב"ם, — איז פאר זיך גערעכט. ער ווייסט, אז על פי דרכי הטבע קען א מענש ניט לעבען אהן שפייז און אהן לופט, דעריבער איז איהם אומגלויבליך, אז די יצירה פון מענשען, זיין אנטוויקלונג, איז אזוי ווי דאס איז אין דער ווירקליכקייט. אזוי איז אויך מיט אריסטאטעלס און זיינע נאכפאלגער. זיי ווילען צוואווארפען אונזער אמונה אין „חידוש העולם", אז די וועלט איז באשאפען פון גאט אין א געוויסער פארמע, דורך ראיות, וואס זיי ברייננגען פון דער פארטיגער נאטור, וואס עקזיסטירט איצט אין א פאל־קאמענעם צושטאנד.

דער „מורה נבוכים" האט א לייגגערען ויכוח מיט די „בעלי־הקדמות", מיט די וואס זאגען, אז די וועלט איז א „קדמון", מאכט זייערע ארגומענטען שוואכער און באפעסטיגט אונזער אמונה אין „חידוש העולם".

יא.

?ווערט די וועלט אייביג עקזיסטירען

אריסטאָטעלעס, ווי שוין געזאָגט, וויל האָבען, אז די וועלט, די שאפונג, איז „מחויב המציאות", עס האָט געמוזט ווערען א וועלט אליין פון זיך, אָבער ניט גאָט האָט זי באשאפען.

ער האלט טאקע, אז די סיבה פון דער שאפונג איז גאָט, און ווען עס וואָלט קיין גאָט ניט געווען, וואָלט קיין וועלט ניט געווען, אָבער ניט ווייל ער האָט געוואָלט אז עס זאָל ווערען א' וועלט דעריבער איז זי געוואָרען. די שאפונג איז ניט געקומען פון איהם בכונה, נאָר עס איז געווען אומפארמיידליך, אז דאָס וואָס מיר רופען וועלט זאָל קומען אין עקזיסטענץ און געהן איהר גאנג מיט דער טבע, מיט דער נאטור, מיט וועלכער זי איז לכתחילה ענטשטאַנען.

דער רמב"ם גלויבט און מיר אַלע דאַרפען גלויבען אין „חידוש העולם", אז די וועלט איז באשאפען געוואָרען בכונה פון השי"ת. ער האָט געוואָלט אז עס זאָל זיין אזא וועלט ווי זי איז און אזוי האָט ער זי געמאכט און פיהרט זי מיט זיין השגחה. אזוי האָט אברהם אָבינו געגלויבט און אזוי לערענט אונז די תורה. און נאָך א זאך: די אמונה אין „חידוש העולם" מאכט מעגליך די אומנאטירליכע געשעהענישען אויף דער וועלט, ווי די אותות ומופתים פון מצרים און אנדערע נסים וואָס זיינען געטאָן געוואָרען, כאָטש אונזער שכל קען עס ניט משיג זיין, אזוי ווי מיר קענען די גאנצע שאפונג ניט משיג זיין. אויב אָבער מיר וועלען זאָגען, אז די וועלט איז א „קדמון" און זי געהט שטענדיג מיט דער נאטור, ווי אזוי זשע איז מעג־ליך געווען דאָס אומנאטירליכע?

אז די וועלט איז אָבער „מחודש", פאלט די דאָזיגע קשיא ארונטער און עס פאַלען אויך ארונטער אנדערע שאלות. אויב

איינער וועט, למשל, פרעגען: ווארום האט גאט געשענקט א רוח נבואה צו געוויסע מענשען און ניט צו אנדערע? ווארום האט ער געגעבען די תורה צום אידישען פאלק און ניט צו קיין אנדער אומה? ווארום גראד אין יענער צייט און ניט פריהער אדער שפעטער? צוליב וואס פאר א צוועק האט ער אונז נענעבען די מצוות און באפוילען, אז דאס זאל מען טאן און דאס זאל מען ניט טאן? און אויב זיין רצון איז אז מיר זאלע אפהטיען די תורה ומצוות, ווארום האט ער אונז ניט אריינגעגעבען אזא טבע, אזא געבוירענע נאטור, אז מיר זאלען זיין רצון ערפילען?

אויף די אלע פראגען האבען מיר איין באנגיגענדען ענט־פער: אז אזוי איז געווען דער היילינער רצון פון השי"ת, אזוי ווי עס איז געווען זיין רצון צו ערפינדען די וועלט אזוי ווי זי איז און ניט אנדערש.

אבער אז מען זאל אננעמען די סברא, אז די וועלט איז א „מחויב המציאות", אז זי איז אליין געווארען, קענען די דאזיגע שאלות ניט פארענטפערט ווערען.

עס איז אמת, אז פארשטעהן פארשטעהען מיר ניט ווארום איז אלץ ווי עס איז און ניט אנדערש, ווייל אונזערע מחות זיינען שוואך צו באגרייפען מעשי בראשית. נאך אלעמען איז דאס וואס איז געשריבען אין דער תורה וועגען דער באשאפונג פון דער וועלט, ניט אינגאנצען כפשוטו, ווי די ווערטער ווערען פשוט אויסגעטייטשט. דאס איז סתרי תורה, וואס מיר קענען אינגאנצען ניט משיג זיין. פארטייטשען, — זאגט דער רמב"ם, — מעשי בראשית מיט'ן איינפאכן טייטש און מיינען אז דאס איז שוין אלעס, קען עס ברייננען „לבטול גמור" און צו כפירה, צו לייקענען, חס ושלום, אין די הויפט יסודות פון דער תורה. עס איז דעריבער גלייכער, אז מען גרונטעוועט זיך ניט אין דעם. ניט ווי דרשנים און מפרשים, וואס דענקען, אז דער פראסטער טייטש פון די ווערטער איז חכמה און דאס גריבלען זיך אין דעם ענין און זוכען וואס מעהר דרשות איז שלמות, פאלקאָ־מענהייט, מעהר ריכטיגע ידיעות אין דער זאך. ניין, — זאגט

ער, — עס איז ניט אזוי. מען קען טאַקע דערגעהן העכערעס, אָבער ניט יעדער קען דאָס דערגרייכען.

וועגען הימעלישע זאכען, — זאָגט דער „מורה", — ווייסען מיר מענשען גאַנץ ווייניג. דעם פּסוק „השמים שמים לד' והארץ לבני אדם" טייטשט ער: גאָט אליין ווייסט די ריכ־טיגקייט פון די הימלען, זייער מהות, זייער טבע, זייער באַווע־גונג און אַלעס וואָס דאָרט קומט פאָר. די ערד אָבער, דעם עולם התחתון, האָט ער אָוועקגעגעבען צו די מענשען, אַז זיי זאָלען קענען ווייסען און פאַרשען. טראַכטען, — זאָגט ער, — צופיל וועגען הימעלישע זאכען איז נאַריש אָדער פּשוט משוגעת, ווייל מיר האָבען ניט אזעלכע כלים, אזעלכע אייגענשאַפטען, דורך וועלכע מיר זאָלען עס קענען ווייסען און פאַרשטעהן.

ווי געזאָגט אין פאָריגען קאַפּיטעל, איז זמן, צייט, אויך פון די „מחודשים", פון די געשאַפענע זאכען. וואָרים איידער עס איז געוואָרען אַ וועלט, אַ „יש מאין", איז ניט שייך געוועזען אַ באַגריף פון צייט, פון פריהער און שפּעטער. בייזערט זיך דער רמב"ם אויף אַ מאמר אין דער גמרא: „יום אחד, אמר ר' יהודה בר' סימון: מכאן שהיו סדר זמנים קודם לכן". דאָס וואָס עס שטעהט אין פּסוק „ויהי ערב ויהי בוקר יום אחד" — עס איז געוועזען אָוונט און פריהמאָרגען איין טאָג, זאָגט ר' יהודה בר' סימון: פון דאַנען איז געדרונגען, אַז צייט, דאָס מעסטען פון צייט איז געוועזען פריהער איידער די וועלט איז באַשאַפען געוואָרען. דער רמב"ם איז מתרעם אויף דעם. ווייטער זאָגט דאָרט די גמרא: „אמר ר' אבוהו: מכאן שהיה הקב"ה בונה עולמות ומחריבן" — פון דעם „יום אחד" איז געדרונגען, אַז איידער די איצטיגע וועלט איז באַשאַפען געוואָרען האָט גאָט באַשאַפען אַנדערע וועלטען און זיי חרוב געמאַכט. דאָס, — זאָגט דער רמב"ם, — איז „יותר מגונה מן הראשון". דער לעצטער מאמר פון ר' אבוהו איז נאָך מיאוס'ער פון פאָריגען מאמר פון ר' יהודה בר' סימון. „וכל בעל תורה יברח מזה", און יעדער בעל תורה זאָל פון דעם אַנטלויפען, זאָל, הייסט עס, ניט גלויבען אין דעם.

דער רמב"ם שטעלט זיך אָפּ אויף דער פראַגע: אויב די

וועלט וועט אייביג עקזיסטירען אָדער זי וועט אמאָל כלה ווערען, עס וועט, הייסט עס, קומען צו וועלט-אונטערגאנג. ער זאָגט:

די אמונה אין „חידוש העולם" איז דער יסוד פון דער תורה. וואָרים זאָל מען דאָס ניט גלויבען, צופאַלט אַלעס. מיר מעגען אָבער גלויבען, אַז די וועלט וועט אייביג עקזיס־טירען און דאָס וועט ניט זיין קיין געגענזאַץ צו דער ערשטער אמונה. עס איז, — זאָגט ער, — אפילו אַן אָנגענומענער כלל, „שכל הוה נפסד", אַז יעדע געוואָרענע זאַך געהט ווען עס איז ארוים פון עקזיסטענץ, אָבער דער כלל איז ניט אויף אַלעס. זאכען וואָס ווערען געשאַפען פון דער נאַטור, איז זייער עקזיסטענץ טאַקע ניט קיין באַשטענדיגע. אַזוי ווי די נאַטור האָט עס געשאַפען, אַזוי קען עס די נאַטור פאַרניכטען. אָבער לויט אונזער שיטה, אַז די שאַפונג איז ניט קיין חיוב, קיין מוז, וואָס האָט געמוזט זיין, נאָר עס איז אַלעס געוואָרען מיט'ן רצון פון השי"ת, אַזוי קען זיין רצון, אַז דאָס זאָל אויפהערען צו עקזיסטירען אָדער קיינמאָל ניט אויפהערען.

א ביישפּיל, — זאָגט דער „מורה", — קען מען נעמען פון נפשות החשובים, פון נשמות פון גוטע לייט, וועלכע זיינען אויך געשאַפענע פון גאָט און ווערען קיינמאָל ניט כלה. דער גוף שטאַרבט, אָבער די נשמה פאַרבלייבט אויף אייביג. און מאנכע, — זאָגט ער, — וואָס זיינען געניגט צו גלויבען אין פשוט'ן טייטש פון מדרשים, גלייבען, אַז אפילו די גופים גע־ניסען אויך אייביגע תענוגים, „כאמונת מי שהתפרסמה אמונתם באנשי גן עדן", אַזוי די וואָס זיינען באוואוסט אַלס גלויביגע אין גן עדן מענשען, אין מענשען, וואָס אי די נשמות אי די גופים רוהען אין גן עדן. אָבער סאי ווי סאי פאַלט דאָ ניט דער כלל פון „כל הוה נפסד". דעריבער קומט דער רמב"ם צו דער מסקנא, אַז מען קען זאָגען, אי אַזוי אי אַזוי. מען מעג גלויבען אַז די וועלט וועט אפשר אמאָל אונטערגעהן, און מען מעג גלויבען אַז ניט.

אין די נביאים געפינען מיר א סך פסוקים, וואָס דריקען זיך אוים מיט'ן לשון, וואָס מען קען אויסטייטשען וועלט-אונ־טערגאנג. אָבער דאָס, זאָגט דער רמב"ם, זיינען בלויז משלים

אָדער מליצות אויף גרויסע אומגליקען, וואָס וועלען קומען אויף א פאָלק. אז א נביא האָט געוואָלט שילדערען א שרעקליכע צרה וואָס עס וועט קומען אויף א פאָלק, האָט ער זיך אויסגע־דריקט מיט א לשון כליה, מיט פארניכטונג פון דער גאנצער וועלט. זאָגט, למשל, ישעיה: „פוֹר התפוררה ארץ, מוט התמוטטה ארץ" — די ערד וועט צוברעקעלט ווערען, די ערד וועט איינפאַלען. מיינען האָט ער געמיינט, אז די מפלה פון סנחריב'ן וועט זיין אזוי גרויזאם, אזוי שרעקליך אזוי ווי די גאנצע וועלט זאָל אונטערגעהן. אזעלכע ביישפּילע זיינען פאראן א סך, אָבער עס איז ניט געמיינט אז די וועלט וועט כלה ווערען.

פארקערט ווידער זיינען פאראן אויסדריקע פון נביאים, וואָס מען קען אויסטייטשען אז די וועלט איז א „נצחי", אן אייביג עקזיסטירענדע, און אויך פסוקים וואָס ציינען אויף א נייע בעסערע און שענערע וועלט. „שמים חדשים וארץ חדשה", נייע הימלען און א נייע ערד, אָדער: „והיה אור הלבנה כאור החמה", די לבנה וועט אזוי לייכטען און שיינען אזוי ווי די זון. אָבער זיינען אלץ משלים און מליצות פון נביאים אויף בעסערע צייטען, אָדער אויף גוטעס, וואָס וועט קומען נאָך שלעכטעס.

סאַי ווי סאַי איז קיין בייז ניט, ווען מען דענקט אז די וועלט בכלל וועט אייביג עקזיסטירען אָדער ניט. די הויפּט־זאַך איז, אז מען זאָל קיין טעות ניט האָבען און מיינען אז די וועלט איז א „קדמון", אן אין סוף אין איהר אנטשטעהן.

מאנכע, — זאָגט דער רמב"ם, — דענקען אז שלמה המלך האָט געגלויבט „בקדמות העולם". דאָס איז אָבער, — ערקלערט ער, — ניט ריכטיג. די נביאים און די אלטע חכמים האָבען איהם אין דעם ניט חושד געווען. מען האָט איהם באשולדיגט אין האָבען ווייבער פון אנדערע פעלקער און אנדערע עולות, וואָס ער זאָל האָבען געטאָן, אָבער ניט אז ער האָט געלייקענט אין „חידוש העולם". עס איז דאָ א מאמר חז"ל: „בקשו לגנוז ספר קהלת מפני שדבריו נוטים למינות", מען האָט גע־וואָלט באהאלטען דעם ספר קהלת, ווייל אין דעם ספר זיינען דאָ זאכען, וואָס זיינען געניינט צו אפּיקורסות. דאָס, — זאָגט דער רמב"ם, — איז ריכטיג. עס זיינען טאַקע פאראן שטעלען

אין קהלת, וואָס מען ווייסט ניט זייער ריכטיגען פשט און אין פלוג זעהען זיי אויס ווי מיינונגען, וואָס שטימען ניט מיט דער תורה, אָבער עס איז ניטאָ קיין פסוק, וואָס זאָל אָנדייטען אויף קדמות העולם. ער זאָגט „והארץ לעולם עומדת", די ערד שטעהט אייביג, און דערפון דרינגט מען דאָס, אַז שלמה המלך האָט געגלויבט אַז די וועלט איז אַ „קדמון". דאָס איז אָבער ניט אַזוי. ער האָט טאַקע געגלויבט אַז די וועלט איז „מחודש", באַשאַפען פון גאָט אין אַ געוויסער צייט, אָבער איינס צום אַנדערען האָט ניט. מען קען גלויבען אין „חידוש העולם" און אין דער זעלבער צייט אויך גלויבען, אַז דאָס געשאַפענע וועט ניט אויפהערען צו עקזיסטירען.

דער „מורה" איז מאריך אין דעם ענין און קומט צום שלוס, אַז מיר דאַרפען איינשטימען מיט אַריסטאָטעלס אין האַלב. דאָס הייסט: אַ העלפט דאַרפען מיר איהם צוגעבען און אַ העלפט ניט.

מיר קענען האַלטען מיט איהם, אַז די מציאות, די שאַפונג, איז אַ „נצחי", אַן אייביג עקזיסטירענדע אויף ווייטער, לויט דעם רצון פון השי"ת, און די טבע, די נאַטור וועט זיך געהן איהר גאַנג און ניט געענדערט ווערען, כאָטש גאָט האָט ביכולת צו ענדערען זי. אין פרטים אָבער קען זיין, אַז געוויסע נאַטירליכקייטען וועלען געענדערט ווערען, אַזוי ווי עס האָבען שוין אמאָל פּאַסירט נסים ונפלאות שלא כדרך הטבע. דאָס איז אַלץ אויף להבא. מיר וועלען אָבער קיינמאָל ניט צוגעבען, אַז די התחלה איז געווען ווי אַריסטאָטעלס וויל האָבען.

נאָך זיין שיטה, איז דאָך גאָר קיין התחלה ניט געווען. וויבאַלד ער זאָגט אַז די וועלט איז אַ „קדמון", האָט זי דאָך גאָר קיין אָנפאַנג ניט. מיר גלויבען אָבער, אַז די וועלט האָט יאָ אַן אָנפאַנג, אַז גאָט האָט זי באַשאַפען און זי איז ניט קיין „מחויב המציאות", און ווען השי"ת וואָלט ניט געוואָלט, וואָלט זי ניט געווען.

יב.

חמר וצורה; קיין שלעכטס אין דער שאַפונג

דער רמב"ם גיט אָפּ אין זיין „מורה נבוכים" היבשע עטליכע פּרקים, אין וועלכע ער רעדט וועגען מעשי בראשית, וועגען די באשאפונג פון דער וועלט; וועגען דער „מרכבה", וואָס יחזקאל האָט געזעהן בנבואה, און וועגען נביאים און נבואה.

ער, דער רמב"ם אליין, מערקט אפילו אָן אין א פּאָר פּלעצער, אז מען דאַרף ניט אָדער מען טאָר ניט דרש'ענען אָדער ריידען וועגען מעשי בראשית און „מחזה יחזקאל". אזוי האָבען אונזערע אַלטע לעהרער, די חכמי התלמוד אויך געזאָגט. אָבער קורצע ערקלערונגען וועגען דעם, זאָגט דער רמב"ם, דאַרף מען מאכען, אויב ניט פאַר'ן המון, פאַר'ן פּראָסטען עולם, איז פאַר מעהר וויסענדע און פאַרשטענדיגע מענשען.

איך וועל די אַלע זאכען דורכלאָזען. זאָלען די וואָס קענען און ווילען לערנען דעם „מורה נבוכים" דאָס דאָרט לערנען.

איך וויל נאָר ארויסברענגען איין פּונקט, וואָס דער „מורה" זאָגט וועגען נבואה און נביאים. ער זאָגט, נעמליך, אז די נביאים האָבען אין א סך פאַלען גערעדט מיט משלים. אַמאָל האָבען זיי זיך אויסגעדריקט מיט גוזמאות, מיט אויסדריקען, וואָס זעהען אויס ווי אומגלויבליכע איבערטרייבונגען, און אַמאָל האָבען זיי זיך באנוצט מיט „מושאלים", מיט געבאָרגטע ווערטער, וואָס זייער מיינונג איז אַנדערש ווי דער פּשוט'ער טייטש. דעריבער, זאָגט ער: וואו א נביא'ס רייד זיינען אומפאַרשטענדליך, דאַרף מען אָננעמען, אז ניט דאָס, וואָס מען פאַרשטעהט פון איינפאַכען טייטש, האָט דער נביא געמיינט, נאָר עפּעס אַנדערש.

ווי געזאָגט, וויל איך זיך ניט אריינלאָזען אין דעטאַלען

וועגען די דערמאָנטע דריי ענינים, וועלכע דער רמב"ם רעדט אַרום באַריכות, און וועל איבערגעהן צו אַנדערע ענינים, וואָס דער „מורה נבוכים" באַהאַנדעלט. צוערשט וועגען „חמר וצורה". דאָ דאַרף ערקלערט ווערען וואָס עס מיינט „חמר" און וואָס עס מיינט „צורה".

„חמר" מיינט: די מאַטעריעלע זייט פון יעדער זאַך, דער גוף פון אַ לעבעדיגער באַשעפעניש, אָדער פון וועלכען עס איז געגענשטאַנד. „צורה" ווערט אויסגעטייטשט אין צווייערליי אופנים. „צורה" מיינט די פאָרמע פון אַ זאַך. לאָמיר נעמען, למשל, אַ טיש און אַ שטוהל, זיינען זיי ביידע געמאַכט פון איין „חמר" — פון האָלץ, אָבער דער טיש האָט איין צורה, איין פאָרמע, און דער שטוהל — אַן אַנדערע. דאָס רופט זיך „צורת מלאכותית", אַ קינסטליכע צורה, געמאַכט פון מענשליכע הענט. עס איז ווידער פאַראַן וואָס מען רופט: „צורה טבעית", אָדער „צורה מינית", וואָס שיידט אָפּ איין מין פון דעם אַנ־דערען לויט נאַטירליכען אויסזעהן אָדער דורך געוויסע אייגענ־שאַפטען, וואָס סאָרטירט זיי, וואָס מאַכט איין מין אַנדערש פון דעם אַנדערען.

לאָמיר נעמען, למשל, מענש און חיה. דער מענש איז פלייש און בלוט, און אַזוי איז אויך די חיה. דער מענש אָבער איז אַ מענש, ווייל ער האָט שכל און קען ריידען. איז דער שכל און דער כח הדיבור די מענשליכע „צורה". דאָס וואָרט „צורה" הייסט אַלזאָ דער עצם זאַך, דאָס מיינט: די אייגענשאַפט וואָס מאַכט דעם מענשען אָדער די זאַך דאָס וואָס זיי זיינען און אָהן דעם זיינען זיי דאָס ניט. די „צורה" פון פייער איז היץ און די „צורה" פון שניי — קעלט, און אַזוי אַלעס אין דער וועלט.

זאָגט דער רמב"ם, אַז אַלע גשמים, אַלע קערפּערליכע וועזענס, וואָס זיינען „הווים ונפסדים", וואָס זיינען געשאַפען און זייער עקזיסטענץ איז ניט קיין אייביגער, ווערען זיי בלויז כלה, הערען אויף צו עקזיסטירען „מצד החמר". דער „עצם הצורה" אָבער פאַרבלייבט. אויף דעם איז ניטאָ קיין כליון. די „צורה האנושית", די מענשליכע אייגענשאַפט שטאַרבט,

הערט אויף צו עקזיסטירען נאָר במקרה, דורך א צופאַל, ווייל זי איז באהעפט צו א חמר, צו א קערפער. און אזוי ווי דער חמר איז פון נאטור פארבונדען מיט מאטעריעלע ענינים, קען די „צורה" ניט זיין ביי איהם שטענדיג אין איין פאָרמע, נאָר זי בייט זיך און נעמט אָן אן אנדער פאָרמע. דער מענש, למשל, קען זיין גוט און ווערען שלעכט, קען זיין מילד און ווערען קארג, אָדער פארקערט.

אין משלי קאפיטעל ז. שילדערט שלמה המלך אן אויסגע־לאסענע פרוי, וואָס זוכט צו פאנגען מענער אין איהר נעץ. זי איז ניט צופרידען מיט דעם מאן, וואָס זי האָט, און זוכט אלע מאָל אנדערע. אזוי, — זאָגט דער „מורה", — איז דער חמר. וואָס פאר א „צורה" ער זאָל ניט האָבען, וואָס פאר אן אייגענשאפטען ער זאָל ניט באזיצען, זוכט אלץ דער חמר צו ענדערען עס, און לאָזט ניט דורך קיין מיטעל, קיין געלעגענהייט צו ווירקען אויף דער „צורה", אויף זיין גייסט נאָכצוקומען זיינע נייגונגען און שטרעבונגען. און ווערט דער חמר צולאָזען, ווערט די צורה, דער גייסט אויך פארדאָרבען.

און וואָס עס קומט אויף א מענשען, וואָס פאר אן ענדע־רונג צו שלעכטען עס קומט פאָר אין זיין לעבען, איז אלץ דער רעזולטאט פון זיין „חמר", ניט פון דער „צורה". איז א מענש קראנק אָדער ער איז א קריפעל, צי פון געבורט, צי ער איז עס שפעטער געוואָרען, אָדער זיין פעהיגקייט צו ווירקען און שאפען ווערט אָפּגעשוואכט, איז דאָס די ווירקונג פון שטערבליכען „חמר", ניט פון דער „צורה", פון די מענשליכע אייגענשאפטען וואָס מאכען איהם פאר א מענש.

אלע מענשליכע זינד — זאָגט דער רמב"ם, — אלע אומ־רעכטען, וואָס מענשען באגעהען, קומט פון „חמר". גוטע און קלוגע זאכען און טאטען קומען פון דער „צורה", אָבער די חסרונות פון מענשען, זיינע העסליכע נייגונגען ווערען באַ־איינפלוסט פון „חמר", וואָס זייענדיג באהעפט מיט דער „צורה" האָט געוויסע תשוקות און ליידענשאפטען.

דאָ שטעלט זיך דער רמב"ם אָפּ אויף פאָלגענדער פראגע:

עס האָט דאָך געקענט מעגליך זיין פאר'ן בורא עולם צו

באשאפען דעם מענשליכען „חמר" אָהן א „צורה" אָדער אין אזא „צורה" וואָס זאָל ניט זיין אין שטענדיגען קאָנפליקט מיט'ן „חמר", דאָס הייסט: אזא, וואָס דער „חמר" זאָל אויף איהר קיין שליטה ניט האָבען און ניט קענען באקעמפען איהר? אויף דעם ענטפערט דער מורה:

די חכמה העליונה, די געטליכע חכמה האָט אזוי איינגע־אָרדענט, אז דער כח, די וואונדערליכע און דעליקאַטנע קראַפט, די „צורה האנושית", וואָס געפינט זיך אין מענשען, וואָס צוליב דעם ווערט אויף איהם געזאָגט: „בצלם אלקים עשה את האָדם", זאָל זיין אָנגעקניפּט אָן א נידעריגען „חמר", וואָס קומט פון דער ערד, און וועלכער טוט איהר שאָדען. ער האָט אָבער דעריבער געגעבען דער „צורה האנושית" קראַפט צו געוועלטיגען איבער'ן „חמר", מאַכען איהם אונטערטעניג און באהערשען זיינע נידעריגע תאוות, וועלכע וועקען איהם צו זינד, און דאָס איז פאר'ן וואויל און בעסטען פאר'ן מענשען.

ער גיט עס א משל צו אַן ערנידעריגטען שקלאַף, א פאר־גרעבטען מענשען, און א פרייען איידעלען מענשען. ווען א הערשער, — זאָגט ער, — הייסט א פאַרגרעבטען שקלאַף טאָן שמוציגע ארבייט, ראַמען פאַסקודנע מיסט, טוט ער דאָס און ער שעמט זיך ניט און עס קימערט איהם ניט אויב אפילו זיינע קליידער, זיינע הענט און פנים ווערען פארפּאַטשקעט. א בן חורין אָבער, א פרייער מענש, א באַלעבאַטישער מענש, ווען דער הערשער ווערט אויף איהם אין כעס און הייסט איהם טאָן די שמוציגע ארבייט, שעמט ער זיך און סטאַרעט זיך ניט צו באריהרען די מיסט, כדי ער זאָל זיין וואָס דיינער. כך, אזוי, — זאָגט דער „מורה", — זיינען די מענשען פארשיידען. פאראַן אזעלכע, וואָס באטראַכטען די כחות פון „חמר", זיינע פונקציעס און ליידענשאַפטען, שטרעבונגען און פארלאַנגען ווי א חסרון, ווי א מום, וועלכער איז אויף זיי ארויפגעצוואונגען געוואָרען געגען זייער ווילען, און זיי זיינען אָפּגעהיט פון זינד, אזוי ווי יענער באַלעבאַטישער מענש היט זיך ניט איינגעשמוצט צו ווערען פון די מיסט, און אנדערע קימערט עס ניט און זיי גיבען נאָך זייערע תאוות.

דאָס מיינט, אז דער מענש האָט די „בחירה", דעם אויס־וואהל אויפצופיהרען זיך גוט אָדער שלעכט. דעריבער, — וואָרענט דער רמב"ם, — דאַרף זיך אַ מענש ניט אריינלאָזען אין צופיל תענוגי עולם הזה, אין עסען, טרינקען, געשלעכט־ליכע נייגונגען און ליידענשאַפטען, וואָס דאָס זיינען מעשי בהמה, נאָר געניסען פון אַלעם אזוי פיל ווי נויטווענדיג און ניט מעהר. דאָס איז גוט אי פאַר'ן גוף, אי פאַר דער נשמה. דאָס קען ברענגען אַ מענשען צו פאָלקאָמענהייט, אזוי ווי עס דאַרף זיין אַ בריאה, וואָס איז באַשאַפען בצלם אלקים.

דער רמב"ם רעדט אויך וועגען דעם, אז גאָט'ס פעולות זיינען אַלע גוטע, אז ער איז דער מקור הטוב און קיין דירעקטע שלעכטעס, בכוונה צום שלעכטען, ווערט פון איהם ניט געשאַפען. ער רעדט ארום דעם ענין באריכות, אָבער איך וועל בלויז געבען דעם תמצית גאַנץ בקיצור.

עס זיינען דאָ אַזעלכע, וואָס ווילען האָבען, אז בלינדקייט און זעה־קראַפט אָדער טויט און לעבען זיינען אזוי ווי שני הפכים, צוויי קאָנטראַסטען. ווי היץ און קעלט, וואָס זיינען באַזונדערע „נמצאים", געשאַפענע זאַכען ברצון השי"ת, אזוי אויך באַשאַפט ער לעבען און טויט, באַשאַפט ער זעהונג און באַשאַפט בלינדקייט. הייסט עס, אז השי"ת איז, כביכול, אַ בורא רע, באַשאַפט שלעכטעס בכוונה.

אָבער דאָס איז ניט ריכטיג. אַלע געטליכע פעולות זיינען גוטע. ער שאַפט, ברענגט זאַכען אין עקזיסטענץ בכונה, אָבער ער שאַפט ניט עקסטרא קיין פאַרניכטונג. די אונטערגאַנגען פון זאַכען האָבען נאָר אַ שייכות מיט דער יצירה דורכדעם וואָס דער באַשעפער האָט ערפונדען אַזא חמר, וואָס איז לכתחילה אויסגעזעצט צו אונטערגאַנג, צו שטערבליכקייט. עס איז אמת, אז ווען עס ענדיגט זיך דאָס לעבען, קומט דער טויט; ווען עס הערט אויף דאָס זעהן, קומט בלינדקייט, אָבער דאָס איז צוליב דעם, ווייל דער טויט איז מחובר, באַהעפט צום לעבען, די בלינדקייט — צום זעהן, און נאַטירליכע סיבות ברענגען די אומבייטונגען.

אזוי איז אויך מיט אַלע זאַכען, וואָס זיינען שלעכט אָדער

אָנגענומען אַלס שלעכט. דעריבער ווערט געזאָגט אין בראשית: „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד". גאָט האָט געזעהן, אַז אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט איז זעהר גוט. אָט דאָס וואָס דער מענש איז אונטערוואָרפען דעם טויט און אַנ־דערע שלעכטיגקייטען, איז אויך גוט. זאָגט ר' מאיר: „טוב זה המות", אפילו דער טויט, וואָס איז מחובר צום לעבען פון אָנפאַנג פון דער שאַפונג, איז אויך אַ גוטע זאַך.

דער רמב"ם רעדט ארום דעם ענין פון שלעכטס בכלל. ער גיט ארוים אַזאַ געדאַנק:

מענשען וואָס מיינען אַז זיי זיינען חכמים דענקען, אַז שלעכטס איז דאָ אויף דער וועלט מעהר ווי גוטס, און דאָס ערגערע, זאָגען זיי, איז מעהר דויערהאַפט, האַלט אָן לענגער ווי דאָס בעסערע. דאָס איז אָבער פאַלש. השי"ת האָט ניט ממציא געווען, האָט ניט ערפונדען אָדער געשאַפען קיין שלעכטס, ווי עס איז שוין פריהער באַוויזען געוואָרען. שלעכטס איז ניט פון די „נמצאים", פון די געשאַפענע, און דאָס איז קיין סך ניטאָ אויף דער וועלט.

אַ מענש, — זאָגט דער רמב"ם, — מעסט דאָס רוב גוטעס און שלעכטעס אָן זיך אַליין. געהט עס איינעם ניט גוט, זאָגט ער, אַז די גאַנצע וועלט טויג ניט. ער פאַרגעסט זיך אָבער, אַז אויסער איהם און אויסער דער גאַנצער מענשהייט זיינען פאַראַן גלגלים, אומצאָהלבאַרע שטערען, און פילע מלאָכים און בעלי חיים אָהן אַ צאָהל, וואָס זיי האָבען ניט צו באַקלאָגען זיך, וואָס זיי פעהלט גאָר ניט. טאָ ווי אַזוי קען מען זאָגען, אַז די וועלט איז שלעכט?

און וואָס, — פרעגט דער רמב"ם, — רופען מענשען שלעכט? אַ מענש איז אַ בעל מום אָדער ווערט אַ בעל מום, אַ קריפּעל דורך וועלכער עס איז סבה, אָדער ער איז קראַנק, איז איהם שלעכט. אָבער וויפיל זיינען פאַראַן אַזעלכע? זעהר ווייניג, אַ גאַנץ קליינער פּראָצענט. אַמאָל קומט שלעכטס פון מענש צו מענש. איינער איז שטאַרקער, מאַכט ער דעם שוואַ־כערען ענג, טוט איהם אָן צרות, אָבער די זיינען אויך ניטאָ קיין סך. אפילו פון מלחמות ליידט אויך אַ גאַנץ קליינער טייל

פון דער מענשהייט. און פון אנדערע אָנשיקעניִשען ווי ערד־ציטערנישען, אָדער פארפלייצונגען, איז אויך די צאָהל קרבנות זעהר קליין לגבי דער גאַנצער מענשהייט.

און עס זיינען אמאָל פאראַן צרות וואָס מענשען ברענגען אויף זיך אליין דורך עסען און טרינקען וואָס מען דאַרף ניט, דורך צופיל הולטאַיעווען, — און די זיינען דאָס רוב פון די ליידענדע אויף דער וועלט, — אָבער אויך זייער צאָהל איז א קליינע קלייניגקייט אין פארגלייך מיט דער צאָהל מענשען וואָס לעבען אויף דער וועלט.

קומט דער „מורה" צו דער מסקנא, אַז די וועלט איז ניט שלעכט על פי דרך השכל, און ווען מענשען, — זאָגט ער, — וואָלטען ניט פארלאַנגט קיין „מותרות", קיין זאַכען וואָס מען קען זיך אָהן זיי באגעהן, וואָלט קיינעם ניט געוועזן שלעכט.

וואָרים, — גיט ער צו פארשטעהן, — אַז שלעכט איז ניט טאַקע ווייל עס איז בעצם שלעכט, נאָר ווייל אַן אנדערען איז בעסער. האָט מען זילבער, וויל מען גאָלד, ווייל אַן אנדערער האָט גאָלד. האָט מען גאָלד, וויל מען דימענטען, ווייל אַן אנדערער פאַרמאָגט עס. דאָס ברענגט צו עגמת נפש, צו קלע־מעניש און דורך דעם שטעלט מען זיך אָפט אין סכנה דורך געוויסע געפעהרליכע אונטערנעמונגען, און ענדליך איז מען מתרעם אויפ'ן באשעפער און מען זאָגט, אַז דאָס שלעכטס, די צרות און ליידען קומען פון איהם, ווייל ער האָט באשאפען אזא טבע, וואָס ברענגט דערצו.

מענשען אָבער מיט שכל, וואָס זוכען ניט און פארלאַנגען ניט קיין איבעריגעס, איז ניט שלעכט בגוף און זיי ווערען אויך ניט פארדאָרבען בנפש, אין גייסט.

יג.

וועגען דעם תכלית היצירה

וואס איז דער תכלית היצירה, דער צוועק פון דער שאפונג? צו וואס אינגאנצען די וועלט און אלעם וואס איז דא אויף דער וועלט? די דאזיגע פראגע, — זאגט דער רמב"ם אין „מורה נבוכים", — באאומרוהיגט א סך מענשען, און ער ענטפערט אויף דעם אזוי:

יעדע זאך, וואס ווערט געשאפען מיט א כיון, מיט א התחלה שכלית, וואס דער שכל דיקטירט אז מען זאל עס מאכען און מען וויל עס מאכען, ווערט עס געמאכט לשם תכלית, פאר א געוויסען צוועק. דאס איז זעלבסטפארשטענדליך. עס איז אויך ידוע, אז דאס וואס עס ווערט געמאכט מיט א כיון, מוז זיין „מחודש". די זאך איז פריהער ניט געוועןן און דעריבער האט מען עס געשאפען. א „מחויב המציאות" אבער, א זאך וואס האט געמוזט ווערען פון זיך אליין און האט ניט געדארפט קיין פועל, קיין מייסטער וואס זאל עס מאכען, וואס זאל עס ברענגען אין עקזיסטענץ, — אויף אזא זאך איז ניט שייך צו זוכען א תכלית, א צוועק. ווארים וויבאלד אז קיין פועל איז ניטא, טא ווער האט עפעס באצוועקט מיט'ן שאפען די זאך? דעריבער קען מען ניט זוכען קיין תכלית אין מציאות הבורא, אין דער עקזיסטענץ פון גאט, ווייל ער דאך ניט קיין געשאפענער.

און לויט דער דאזיגער ערקלערונג, — זאגט דער רמב"ם, — איז ניט שייך צו זוכען א תכלית אויף דער גאנצער שאפונג אין אלגעמיין, ניט לויט ווי מיר האלטען אז די וועלט איז „מחודש", באשאפען פון השי"ת אין א געוויסער צייט, און ניט לויט דער שיטה פון אריסטאטעלס, אז די וועלט איז א „קדמון".

ווארים לויט זיין דעה, אז די וועלט איז ניט באשאפען בלויז מיט'ן רצון פון א באשעפער, טא ווי קען מען זוכען א „תכלית האחרון"? ווי קען מען פרעגען: ווארום איז גע־

וואָרען אזא וועלט ווי זי איז? אָט אזוי האָט זי גענדאַרפט ווערען, געמוזט ווערען, און אזוי איז זי געוואָרען.

אויף יעדער זאַך באזונדער זוכט יאָ די נאַטור־וויסענשאַפט טעמים: וואָרום דאָס, וואָרום יענעס? אריסטאָטעלעס אליין זאָגט, אז די טבע, די נאַטור, טוט ניט קיין זאַך אומזיסט; אז עס איז, הייסט עס, ניטאָ קיין נאַטירליכע ערשיינונג, וואָס זאָל ניט האָבען עפּעס א תכלית, א צוועק. יעדער וואָרום האָט א דארום. צו וואָס, למשל, דאַרף מען וואקסונגען? זאָגט אריס־טאָטעלעס, כדי בעלי חיים, לעבעדיגע באַשעפענישען זאָלען זיך דערמיט דערנעהרען. און אזוי זיינען פאַראַן א סך זאַכען, וואָס זייער עקזיסטענץ האָלט אויף די עקזיסטענץ פון אנדערע זאַכען. אזוי איז אויך מיט גלידער פון לעבעדיגע ברואים, מיט וועלכע זיי האַלטען אויף זייער אייגענע עקזיסטענץ. און דאָס, דאַרף מען וויסען, צווינגט די פילאָזאָפען צו גלויבען אין עפּעס א התחלה, אַן אָנפאַנג אויסער דער טבע. און די דאָזיגע התחלה, וואָס אריסטאָטעלעס רופט „התחלת שכלית", א פאַר־נינפטיגער אָנפאַנג, אָדער „התחלת אלקות", א געטליכער אָנ־פאַנג, האָט עס באשטימט, אז שאַפונגען זאָלען זיין געקניפּט איינע אין די אַנדערע. און דאָס גופא, וואָס יעדער זאַך, יעדע שאַפונג באזונדער האָט א צוועק, איז די בעסטע ראיה, אז די וועלט בכלל איז באַשאַפען לכתחילה מיט א כונה, און וויבאַלד מיט א כונה, איז זי „מחודש". אָבער מיר ריידען דאָ וועגען **תכלית**.

לויט די וועלט געהט איהר נאַטירליכען גאַנג, ברייננט יעדער מין זיין מין. די „הוים ונפסדים", די עקזיסטירענדע זאַכען, וואָס עקזיסטירען ניט אייביג, שאַפען אנדערע אויף זייער פּלאַץ, אויף דער צייט ווען אויף זיי וועט קומען א פאַרניכטונג. מענשען בריינגען אויף דער וועלט אַנדערע מענשען, חיות און פויגעל באַזאָרגען די וועלט מיט זייער מין, און אזוי אויך צמחים, געוויקסען, כדי די „הוים ונפסדים" זאָלען זיך מעהרען און ניט אונטערגעהן.

און עס זיינען דאָ זאַכען, וואָס עקזיסטירען איינע צוליב די אַנדערע. וואקסונגען, ווי שוין געזאָגט, מוזען זיין, כדי

לעבעדיגע ברואים זאָלען האָבען מיט וואָס צו שפּייזען זיך, און אזוי העלפען פילע, פילע זאכען דער עקזיסטענץ פון אנדערע זאכען. וואָלט, למשל, ניט געווען קיין ערד, אָדער קיין זומער אויף דער וועלט, וואָלט קיין זאך ניט געוואָקסען און בעלי חיים וואָלטען ניט געהאט וואָס צו עסען, און אָהן עסען קענען זיי ניט לעבען. אָבער דאָס זיינען אלץ תכליתים, וואָס מיר ווייסען און באגרייפען איצט פון דער פאַרטיגער וועלט. מען קען דאָס אָבער ניט צורעכענען צום „תכלית האחרונה", אויף צוריק אין דער אומענדליכער אייביגקייט, ווען די וועלט איז, לויט דער דעה פון „קדמות העולם", געוואָרען. אמת, די וועלט ווי זי איז, מוז זי אזוי זיין, ווייל אנדערש קען זי קיין קיום ניט האָבען. אָבער וויבאלד אז לכתחילה איז זי אליין געוואָרען אָהן א מייס־טער, איז דאָך ניט שייך צו זוכען א תכלית, א צוועק, צוליב וואָס זי איז געוואָרען.

און אפילו לויט אונזער אמונה, אז די וועלט איז ניט גע־וואָרען, נאָר איז באַשאַפען געוואָרען פון א מייסטער, פון גאָט, וועלכער האָט אלע „נמצאים", אלעס וואָס די וועלט אנטהאלט, ארויסגעבראכט א „יש מאין", קען מען אויך ניט זוכען קיין תכלית און פרעגען: ווארום האָט ער עס באשאפען? וואָס האָט ער באצוועקט מיט דעם?

עס זיינען דאָ, — זאָגט דער רמב"ם, — אזעלכע, וואָס דענקען, אז די תכלית־שאלה איז, לויט אונזער גלויבען, יאָ אין פּלאַץ. וויבאלד אז די שאַפונג בכלל קומט פון א פּועל, פון א מייסטער, קען מען און מען מוז פרעגען: ווארום? צוליב וואָס פאר א צוועק האָט ער עס באשאפען? היתכן, אז עס זאָל דערביי ניט זיין עפּעס א כונה? היתכן, אז השי"ת זאָל ניט האָבען געצילט צו עפּעס?

ווילען זיי האָבען, אז דער תכלית המציאות, דער צוועק פון אלעס, וואָס איז דאָ אויף דער וועלט, איז בלויז דער מענש, וואָס זאָל איהם, דעם באשעפער, דינען. אלעס, — זאָגען זיי, — איז באשאפען געוואָרען צוליב דעם מענשען. די גלגלים, וואָס דרעהען זיך אין גרויסען וועלט־רוים און רעגולירען דעם וועלט־גאנג, זיינען כדי צו פאַרזאָרגען די מענשען־קינדער מיט זייערע

באדערפעניששען. און ווייבאלד די גלגלים, וואָס זיינען „נצחיים", אייביג־עקזיסטירענדע, זיינען באשאפען געוואָרען צוליב דעם מענשען, זיינען בעלי חיים און צמחים, לעבעדיגע באשעפענישען און וואקסונג, געווים באשאפען פון זיינעטוועגען. אזוי מיינען זיי און דערמיט ווילען זיי פארענטפערען די תכלית־פראגע.

דאָס איז אָבער, — זאָגט דער רמב"ם, — פאַלש. מענשען מיט פארשטאנד קענען פארשטעהן, אז דאָס איז א טעות. וואָרים אויב מען זאָל זאָגען, אז אלעס איז באשאפען געוואָרען צוליב דעם מענשען, קען מען דאָך פרעגען: ווייבאלד אז דער תכלית, דער צוועק פון דער שאפונג בכלל איז דער מענש, איז פאַר השי"ת מעגליך געווען צו שאפען בלויז דעם מענשען אָהן די אנדערע שאפונגען, אָדער ניט? ווער מען געווים ענטפערען: יאָ, ער האָט געקענט באשאפען א מענשען ווען, למשל, קיין הימלען וואלטען ניט געווען פון פריהער. און ווייבאלד אזוי, איז דאָך ווידער א פראגע: טאָ צו וואָס די הימלען? און צו וואָס די אלע זאכען וואָס זיינען באשאפען געוואָרען בעפאָר דעם מענשען? וואָרום האָט דער באשעפער באלד ניט באשאפען דעם עיקר, צו וואָס ער האָט געשטרעבט און געצילט?

און ווען אפילו מען זאָל צוגעבען, אז אלעס האָט געדארפט אָדער געמוזט באשאפען ווערען פריהער צוליב דעם עיקר התכלית, צוליב דעם מענשען, און דער תכלית פון דער שאפונג פון מענשען איז, אז ער זאָל דינען דעם באשעפער, ווי די מיינונג־זאָגער ווילען האָבען, פארבלייבט דאָך אלץ די פראגע: און צו וואָס האָט עס גאָט געצילט אז דער מענש זאָל איהם דינען? האָט ער דערמיט אויסען געווען א טובה פאַר זיך אליין? השי"ת וואלט ניט געוואונען קיין שלמות, קיין מעהר פאלקאָ־מענהייט ווען אפילו ניט בלויז מענשען, נאָר אלע באשעפענישען זאָלען איהם דינען, און אפילו ריכטיג משיג זיין, און עס וואלט איהם גאָרניט נחסר געוואָרען, ווען אפילו אויסער איהם אליין וואלט קיין זאך ניט געווען, ניט קיין מענשען און אפילו ניט די גאנצע וועלט. טאָ צו וואָס די וועלט, די מענשען און די גאנצע שאפונג? וואו איז דאָ דער תכלית?

ווען מען אפשר זאָגען, אז ער האָט אַלעם באשאפען ניט צוליב זיין שלמות, צוליב זיין פאָלקאָמענהייט, — ווייל אין דעם נויטיגט ער זיך ניט, — נאָר ער האָט עס געטאָן צוליב דער פאָלקאָמענהייט פון מענשען, איז דאָך ווידער א פראגע: וואָס האָט השי"ת באצוועקט דערמיט, וואָס ער האָט אונז געמאכט פאר פאָלקאָמענע ברואים, פאר'ן בחיר כל היצורים?

דעריבער, — זאָגט דער רמב"ם, — דארף מען זיך ניט גריבלען און ניט פרעגען קיין טעם און ניט זוכען קיין תכלית אין דער שאפונג, און מען מוז זאָגען, אז אזוי איז געווען דער רצון פון השי"ת. צוליב וואָס פאר אַן אורזאך ווייסען מיר ניט און מיר קענען ניט משיג זיין, און דאָס איז דער אמת.

מען דארף, — זאָגט דער רמב"ם, — ניט אָננעמען די דעה, אז אַלעם איז געשאפען געוואָרען צוליב דעם מענשען, אָדער פאר'ן מענשען, וואָס דינט דעם באשעפער, וואָדים, ווי שוין געזאָגט, קען דאָס ניט אָנגענומען ווערען אַלס תכלית. און אזוי זאָגען מיר אין דער תפלה „אתה הבדלת" פון נעילה: „מי יאמר לך מה תפעל" — ווער קען דיך, גאָט, פרעגען: וואָס דו טוסט, צוליב וואָס פאר א צוועק? „ואם יצדק מה יתן לך" — און אויב דער מענש טוט וואָס רעכט איז, וואָס גוט איז, וואָס גיט ער דיר?

מיר דארפען נאָר וויסען און גלויבען, אז דער סדר הבריאה, די אָרדנונג ווי די וועלט איז באשאפען געוואָרען, האָט אזוי געדארפט זיין. זאַכען, וואָס זיינען באשאפען געוואָרען פריהער, האָבען געדארפט באשאפען ווערען פריהער, און שפעטערע האָבען געדארפט באשאפען ווערען שפעטער מיט א כיון, מיט א געוויסער אַבזיכט, ווייל אזוי פאָדערט די טבע. דאָס איז אזוי ווי הרגשה, געפיהל, איז באשאפען געוואָרען פריהער פאר'ן שכל, ווייל דער שכל קען ניט קומען פריהער איידער מען איז מרגיש, איידער מען האָט א געפיהל צו דער זאַך, אויף וועלכער מען ווענדט אָן דעם שכל. אָבער מען קען ניט זאָגען, אז דאָס אָדער יענעס איז לכתחילה געווען דער תכלית פון דער יצירה אין אַלגעמיין.

אין דער תורה, — זאָגט דער רמב"ם, — שטעהט: „וירו

בדגת הים ובעוף השמים" — איהר, מענשען, וועט געוועלטיגען איבער די פיש, פויגעל און אנדערע לעבעדיגע ברואים. זאָל מען ניט מיינען, אז דער מענש איז באשאפען געוואָרען מיט דעם צוועק אז ער זאָל זיין א מושל איבער אלע אנדערע באַ־שעפענישען. ניין, ניט דאָס מיינט דער פסוק. עס איז געמיינט, אז די טבע, די נאַטור, וועט דעם מענשען געבען א כח, אז ער זאָל קענען געוועלטיגען איבער אלע ברואים, אָבער ניט צוליב דעם איז ער באשאפען געוואָרען.

דאָס זעלבע איז אויך מיט דער זון, דער לבנה און די שטערען, וואָס עס ווערט אויף זיי געזאָגט אין דער תורה: „להאיר את הארץ" — צו לייכטען אויף דער ערד. זיי לייכטען און מיר געניסען פון זייער ליכט, אָבער ניט צוליב אונז זיינען זיי באשאפען געוואָרען. די תורה האָט געזאָגט, אז די טבע זייערע וועט זיין אזעלכע, אָבער ניט דאָס איז געווען דער ציל, דער תכלית פון זייער באשאפונג.

דער מענש, — זאָגט דער רמב"ם, — וואָס דענקט, אז די גאַנצע שאפונג איז פאַר'ן מענשען, איז ווי איינער זאָל מיינען, אז דער רעגירער פון זיין לאַנד איז נאַר פון זיינעטוועגען, צו היטען זיין הויז פון גנבים. אמת איז טאקע, אז די מאַכט פון דער רעגירונג היט זיין הויז פון גנבים, אָבער ניט דאָס איז דער גאַנצער תכלית פון דער רעגירונג.

וואָרים דער מענש האָט א קליינעם באַטרעף אין דער גאַנ־צער יצירה. מען דאַרף ניט פאַרגעסען, אז עס זיינען פאַראַן אומצעהליגע גשמיים, קערפערליכע וועזענס, אויסער די מענשען, און „שכלים נבדלים" — מלאָכים, און מען קען ניט זאָגען אָדער דענקען, אז אַלעס איז באשאפען געוואָרען צוליב דעם מועט, צוליב דעם הייפעלע מענשען.

דער כלל איז: אזוי ווי מען דאַרף ניט און מען קען ניט זוכען קיין „תכלית המציאות", קיין צוועק צו דער עקזיסטענץ פון השי"ת, אזוי דאַרף מען ניט און מען קען ניט זוכען קיין תכלית, קיין באַשטימטען צוועק אין זיין הייליגער רצון. אזוי האָט דער באַשעפער געוואָלט באשאפען אַלעס, און מען דאַרף ניט פרעגען: וואָרום? ווייל דאָס איז פאַר אונז אומבאַגרייפליך.

יד.

וועגען השגחה פּרטית

פילאָזאָפען, — זאָגט דער רמב"ם אין „מורה נבוכים", — שטעלען זיך אָפּ אויף דער פראַגע פון „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו", וואָס עס פּאַסירט אַמאָל אַז אַ רשע, אַ שלעכטען מענשען, געהט גוט, און אַ צדיק, אַ גוטען מענשען, געהט שלעכט. עס מוז דאָך זיין, — זאָגען זיי, — איינס פון דיביידע: ענטוועדער השי"ת ווייסט פון „פּרטיות", פון די טאַטען אָדער אינטערעסען פון אינדיווידואַלען, פון איינצעלנע, אָדער ער ווייסט גאָרניט. און אויב מיר'ן אָננעמען אַז ער ווייסט יאָ, דאַרף דאָך די וועלט געפיהרט ווערען מיט אַ סדר, — דער גוטער דאַרף האָבען גוטעס און דער שלעכטער שלעכטס. וואָרום־זשע טרעפט עס אַמאָל פונקט פאַרקערט?

און וויבאַלד, — זאָגען זיי, — עס פּאַסירט פאַרט פאַר־קעדט, מוז מען אָננעמען איינס פון די ביידע: ענטוועדער ער איז ניט ביכולת צו פיהרען די וועלט אין ריכטיגער אָרדנונג, אָדער ער קען יאָ, נאָר ער פאַרנאַכלעסיגט צו האַלטען זיין השגחה אויף די מענשען, מחמת ער האַלט זיי פאַר נידעריגע ברואים, אָדער ער פאַרגינט זיי ניט און ער גיט זיי אַמאָל ניט די גוטס, וואָס עס קומט זיי, וואָס זיי פאַרדינען. קומען די פילאָזאָפען צום שלוס, אַז ניט קענען אָדער קענען און ניט וועלען אָדער פאַרנאַכלעסיגען צו צאָהלען די צדיקים און די רשעים לויט זייערע פאַרדינסטען, קען מען אויף השי"ת ניט זאָגען. וואָס דען פאַרבלייבט ביי זיי? — אַז ער ווייסט ניט קיין ענינים פּרטים ביי מענשען.

דאָ, — זאָגט דער רמב"ם, — האָבען די פילאָזאָפען זיך פאַרפּלאָנטערט. זיי האָבען אויסגעמיטען שלעכטע מיינונגען און זיך אָנגעכאַפּט אָן נאָך ערגערעס. זיי האָבען ניט געוואָלט זאָגען,

אז דער באשעפער איז נאָכלעסיג אָדער ער פאַרגעסט, זאָגען זיי אז ער ווייסט גאָרניט וואָס דאָ אויפ'ן עולם התחתון, אויף דער ערד, טוט זיך! און אַלץ צוליב וואָס? ווייל זיי האָבען געזעהן מענשען וואָס עס געהט זיי ניט גוט.

און עס קען דאָך גאָר זיין, זאָגט דער רמב"ם, — אז די ליידענדע זיינען אליין שולדיג אין זייערע ליידען. מענשען, מעגען זיי זיין גוטע מענען, קענען אמאָל ארויפציהען צרות אויף זיך אליין, אָדער זיי ליידען אמאָל פון אומפאַרמיידליכע נאַטור־סבות. זאָל מען צוליב דעם זאָגען, אז השי"ת ווייסט ניט וואָס דאָ אויף דער ערד געהט אָן? צו דענקען אזוי איז דאָך ערגער פון אלעס, ווייל דאָס צוואווארפט דאָך דעם גאַנצען יסוד פון אמת'ן גלויבען.

די פילאָזאָפען ווילען רעכטפערטיגען זייער טעאָריע, אָבער זיי קענען זיך ניט אויסדרעהען מיט קאָנקרעטע באווייזע און ערקלערונגען. און אום פאַרט צו פאַרענטפערען די פראַגע פון „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו", איז ביי זיי געוואָרען חילוקי דעות.

איין דעה איז, אז קיין השגחה איז אבסאָלוט ניטאָ, ניט קיין „פרטיות", אויף איינצעלנע מענשען אָדער זאַכען, און ניט קיין „כוללת", קיין אלגעמיינע. אזוי זאָגט אפּקורוס, וועלכער האַלט, אז עס איז גאָר ניטאָ קיין מנהיג, אז קיין זאַך איז ניט באשטימט פון הימעל, נאָר אלעס וואָס עס טרעפט און פּאַסירט איז במקרה, דורך א צופאַל.

די צווייטע דעה איז פון אריסטאָטעלס. ער זאָגט, אז עס איז יאָ דאָ א געטליכע השגחה, אָבער ניט אויף אלעס. ער וויל האָבען, אז נאָר אויף „תמידיים", אויף אייביג עקזיס־טירענדע זאַכען, אויף די גלגלים, איז דאָ א השגחה, אז זיי זאָלען שטענדיג געהן זייער גאַנג אָהן אַן ענדערונג און משפּיע זיין אויף די שאַפונגען פון עולם התחתון און אויפהאַלטען זייער עקזיסטענץ. אויף די „הוים ונפסדים" אָבער, אויף די זאַכען, וואָס עקזיסטירען ניט אייביג, באשטעהט נאָר די השגחה אין דעם, אז זייערע מינים זאָלען אויפגעהאַלטען ווערען. די השגחה גיט דעם כח צו צמחים אז זיי זאָלען וואַקסען, צו חיות — געפיהלען, אינסטינקטען צו היטען זייער אייגענע

עקזיסטענץ, צו מענשען — שכל. די השגחה וויל נאָר, אז דער מין מענש זאָל שטענדיג פאַרבלייבען, אז יעדער מין חיה זאָל ניט אויפהערען צו עקזיסטירען, און אזוי אויך מיט וואַקסונגען און אַלע זאַכען. וואָס עס פּאַסירט אָבער מיט איינצעלנע זאַכען, מענשען אזוי גוט ווי חיות און ניט לעבעדיגע באַשעפּענישען, איז אַלץ במקרה, דורך צופעלע, אָבער ניט פון באַשטימונג פון הימעל. למשל, ווען עס בלאָזט אַ ווינט איז עס אונפאַרמיידליך, אַז ער זאָל אַרונטערוואַרפען בלעטער פון בוימער, צוברעכען צווייגען, אַרונטערקייקלען אַ שטיין פון אַ באַרג שטיינער, פאַר־שיטען גראָז מיט זאַמד און דאָס קאַליע מאַכען. שטורעמט דער ים, קען דערפון אַ שיף אונטערגעהן און רייזענדע אָדער אַ טייל פון זיי ווערען דערטרונקען. ביי אַריסטאָטעלס איז קיין אונטערשייד צווישען דאָס אַרונטערפאַלען פון אַ בלאַט פון אַ בוים און דאָס אומקומען פון גוטע, פרומע מענשען. עס איז ביי איהם קיין חילוק ניט אויב אַן אָקס וואַרפט אָפּ זיין אָפּפאַל אויף אַ מחנה מוראשקעס און זיי ווערען געטויטעט, אָדער עס פאַלט איין אַ שוהל און מתפללים ווערען גע'הרג'עט. עס איז ביי איהם אַלץ איינס אויב אַ קאַץ פאַנגט און פאַרצוקט אַ מויז, אַ שפּין פרעסט אויף אַ פליג, אָדער אַ לייב צורייסט אַ נביא.

אַלעס, זאָגט ער, איז אַ נאַטור־זאַך. די וועלט, וואָס ער האַלט, אַז זי איז אַ „קדמון”, געהט שטענדיג איהר נאַטירליכען גאַנג און קיין „השגחה פרטית” איז ניטאָ. עס איז „נמנע”, אוממעגליך אַז עס זאָל זיין. און ממילא פאַלט אַרונטער די פראַגע פון „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו”.

אַ דריטע דעה איז דער היפוך פון דאָס פריהער געזאָגטע. די לעצטע ווילען האָבען, אַז קיין זאַך, קיין פּאַסירונג, מיט אַ כלל אָדער מיט אַ פרט, איז אַ מקרה, איז אַ צופאַל, נאָר אַלעס איז מיט'ן רצון און מיט דער כונה פון השי"ת. זיי זיינען מודה צו אַריסטאָטעלס, אַז דאָס פאַלען פון אַ בלאַט איז אַלץ איינס ווי אַ פּאַסירונג ווען אַ מענש ווערט גע'הרג'עט, אָבער די ביידע פּאַסירונגען זיינען פון גאָט, וועלכער באַשטימט, אַז דאָס בלאַט זאָל אַרונטערפאַלען אין אַ באַשטימטער צייט, און אַזוי איז ער אויך גוזר, אַז מענשען זאָלען פאַרלירען זייערע

לעבענס. אַלעס קומט בהשגחה, דורך דעם רצון פון באשעפער און לויט ווי עס ווערט פון איהם פריהער באַשטימט.

און לויט זייער שיטה קומט אויס, אַז מעשים פון מענשען ווערען אויך נגזר מן השמים. עס ווערט, הייסט עס, פריהער באַשטימט פון הימעל וואָס אַ מענש זאָל טאָן, אָדער ניט טאָן, און דער מענש האָט ניט קיין „בחירה", קיין אייגענע ברירה צו טאָן עפּעס אַ זאַך אָדער ניט טאָן. וויבאַלד אַזוי — פרעגט דער רמב"ם — וואָס איז די פּעולה פון דער תורה און מצוות, וואָס דער בורא האָט געגעבען די מענשען? וויבאַלד אַז עס איז ניט אין דעם מענשענ'ס הענט צו טאָן גוטעס אָדער ניט טאָן שלעכטעס, טאָ צו וואָס די תורה מיט די דינים? זאָגען די לייט פון דער דאָזיגער דעה, אַז אַזוי איז געווען דער רצון פון גאָט צו פאַרזאָגען און פאַרבאָטען געוויסע זאַכען, כאָטש מען קאָן דאָס ניט נאָכקומען. ער האָט, הייסט עס, אויף אונז אָנגעוואָרפען געזעצען, כאָטש מיר זיינען אַליין ניט ביכולת צו מקיים זיין זיי. קומט עס אויס, אַז השי"ת האָט מיט זיין געבען די תורה גאָרניט באַצוועקט.

זיי זאָגען אָבער, אַז אַזוי איז דאָס פאַרט. גאָט, זאָגען זיי, גיט ניט קיין שכר פאַר גוטע מעשים און שטראָפט ניט פאַר אַ שלעכטע, וואָרים מיר זעהען דאָך, אַז מענשען ווערען געבאָרען בלינדע אָדער משוגעים, כאָטש זיי האָבען נאָך ניט געזינדיגט, און דעריבער קען אויך אויף אַ צדיק אָנגעשיקט ווערען יסורים און אַ רשע זאָל עס געהן גוט, ווייל אַזוי איז גאָט'ס רצון און קיין אומרעכט טוט ער ניט.

אַ פיערטע דעה וויל האָבען, אַז דער מענש האָט יאָ די „בחירה", אַז ער קען טאָן וואָס ער וויל, גוטעס אָדער שלעכטעס, און עס איז טאַקע דאָ שכר ועונש, לויט איינער פאַרדינט. און דאָס וואָס מיר זעהען אָפט, אַז אַ מענש ווערט געבאָרען אַ בעל־מום, כאָטש ער האָט נאָך ניט געזינדיגט, זאָגען זיי, אַז מיר פאַרשטעהען דאָס ניט, אָבער דאָס איז לטובתו, פון יענעמס טובה וועגען. איינער ווערט, למשל, געבוירען אַ בלינדער, איז עס פאַר איהם בעסער ווי ער זאָל געבוירען ווערען אַ זעהענ־דיגער, כאָטש מיר ווילען ניט אַזעלכע טובות. אַזוי, זאָגען זיי,

ווערט אמאָל אַ גוטער מענש גע׳הרג׳עט פאַר דער צייט, כדי ער זאָל האָבען מעהר שכר לעולם הבא.

און די וואָס זיינען מיט דער דאָזיגער מיינונג, — זאָגט דער רמב״ם, — זיינען אַזוי איינגעגלויבט אין דעם, אַז אויב מען זאָל זיי פרעגען: וואָרום געהט דער באַשעפער אַזוי אָן בלויז מיט מענשען און ניט מיט אַנדערע לעבעדיגע ברואים? וועלען זיי ענטפערען, אַז מיט בהמות און עופות איז אויך אַזוי. ווען אַ בהמה אָדער אַן עוף ווערט געקוילעט, וועט זי דערפאַר האָבען עולם הבא. לויט זייער גלויבען קומט אויס, אַז ווען מען הרג׳עט אַ פלוי, אָדער אַז אַ קאַץ פאַרצוקט אַ מויז, וועלען די פלוי און די מויז אויך האָבען עולם הבא.

עס איז גאַנץ פיין פון זיי, — פיהרט אויס דער רמב״ם, — וואָס זיי ווילען ניט מאַכען גאָט פאַר אַ בעל עולה, אָבער די דעה זייערע איז אַ פאַלשע.

די פינפטע דעה, — זאָגט דער רמב״ם, — איז אונזער דעה. דאָס הייסט: אונזער תורה. וועל איך פאָראויס בריינגען וואָס עס איז וועגען דעם געשריבען אין די ספרי הנביאים, און וואָס אין דעם גלויבען אויך אונזערע אַלטע חכמים, וועל אויך בריינגען וואָס מאַנכע פון אונזערע חכמים האחרונים גלויבען, און וועל נאָכהער אויך ערקלערען וואָס איך אַליין גלויב. ער פאַנגט אָן:

לויט תורת משה איז דער מענש אַ „בעל יכולת״. ער האָט, הייסט עס, די ברירה צו טאָן אָדער ניט טאָן ווי ער וויל און וואָס ער וויל. בעלי־חיים באַוועגען זיך אויך לויט זייער אייגענעם ווילען. אין דעם איז קיין צווייפעל ניט. און אַלעס וואָס עס קומט אויפ׳ן מענשען, הן אויף איינצעלנע פערזאָנען, הן אויף אַ קהל, איז אַלץ על צד הדין, ווייל אַזוי האָבען די מענשען פאַרדינט. אפילו ווען מען פאַרשטעכט אַ פינגער און מען נעמט באַלד אַרויס דאָס שטיקעל האָלץ, איז דאָס אויך אַ שטראָף פון גאָט. פאַרקערט ווידער, געניסט אַ מענש וועלכעס עס איז גוטעס, איז דאָס אַ באַלוינונג פאַר אַ גוטען טאַט. אַזוי ווי דער פסוק זאָגט: „כל דרכיו משפט״, אַלעס וואָס השי״ת טוט איז משפט, גערעכטיגקייט. מעהר ניט, מיר פאַרשטעהען

ניט די ערד און ווייזע ווי אזוי דאָס געהט אָן. די אנדערע פריהער דערמאָנטע דעות זיינען פאַלשע.

די חכמי התלמוד האַלטען אויך אזוי און דערמאָנען פיל מאָל דאָס זעלבע. זיי זאָגען, למשל: „אין מיתה בלא חטא ואין יסורין בלא עון" — עס איז ניטאָ קיין טויט אָהן א זינד און קיין יסורים אָהן א פאַרברעכען. אָדער: „במדה שאדם מורד מורדים לו" — מיט דער מאָס וואָס דער מענש מעסט, מעסט מען צו איהם. דאָס הייסט: ווי ער פאַרדינט אזוי קריגט ער. מאַנכע פון די חז"ל גיבען צו נאָך א זאַך, און דאָס איז „יסורין של אהבה". השי"ת, הייסט עס, שיקט אַמאָל אָן אויף א מענשען ליידען, ניט ווייל ער האָט געזינדיגט, נאָר אויס ליבשאַפט, כדי ער זאָל נאָכהער האָבען מעהר באַלוינונג. דאָס, — זאָגט דער רמב"ם, — איז א דעה פון ניט־אידישע חכמים און ווערט ניט דערמאָנט אין דער תורה. און מען זאָל, — זאָגט ער, — קיין טעות ניט האָבען און מיינען, אז דער נסיון פון דער עקידה און אנדערע נסיונות, וואָס ווערען דערמאָנט אין דער תורה, איז עס געמיינט, אז דאָס וואָס גאָט האָט אויף די מענשען געבראַכט צרות און זיי פאַרשאַפט עגמת נפש, כאָטש זיי האָבען ניט געזינדיגט, איז עס געווען אויס ליב־שאַפט, כדי צו געבען זיי שפּעטער מעהר שכר. וועגען דעם ענין פון נסיונות, — זאָגט דער רמב"ם, — וועט ער ריידען אין אן אנדער פּרק און אויפצייגען, אז דאָס איז ניט געווען אין דעם זינען פון „יסורין של אהבה".

וועגען דער דעה, אז אנדערע בעלי חיים, אויסער מענשען, זיינען אויך אונטערוואָרפען די הימעלשע השגחה און זיי קריגען שכר, — זאָגט דער רמב"ם, — האָט מען פאַרצייטען ניט גע־וואוסט ביי אידען, און די חכמי התלמוד האָבען דאָס אויך ניט דערמאָנט. אָבער מאַנכע פון די לעצטע גאונים האָבען עס געהערט פון א סעקטע ניט־אידישע אויפגעקלערטע און זיי האָבען עס אויך געגלויבט.

דער רמב"ם זאָגט ווייטער, אז די אָרט און ווייזע ווי ער גלויבט אין השגחה איז ניט באַגרינדעט אויף באַווייזע, אויף גרינדליכע איבערצייגונגען, אָבער זיין מיינונג איז אין איינ־

קלאנג מיט דער תורה און די ספרי הנביאים, און עס לייגט זיך מעהר אויפ'ן שכל ווי די דעות פון אנדערע. ער זאָגט:

איך גלויב, אז די געטליכע השגחה דאָ אויפ'ן עולם התחתון איז נאָר אויפ'ן מענשען. קיין אנדער באשעפעניש איז ניט אונטערוואָרפען זיין השגחה. איך גלויב ניט, אז א בלאט פאלט ארונטער פון א בוים בהשגחה, ווייל אזוי ווערט באשטימט פון הימעל, אָדער אז א שפין פרעסט אויף א פליג בגזירת השם, אָדער אז א קליין אינזעקט ווערט געטויטעט אין די שפייעכץ פון א מענשען, אָדער אז א פיש שלינגט איין א וואָרעם, ווייל השי"ת הייסט אזוי. דאָס אלעס זיינען „מקרים", צופעלע, ווי אריסטאָטעלס וויל האָבען. השגחה פּרטית איז נאָר אויף בעלי שכל, אויף מענשען וואָס האָבען א השפּעה שכלית פון באשעפער. אויב די שיף איז אונטערגעגאנגען און מענשען זיינען דערטרונקען געוואָרען, אָדער א בית־תפילה, א געבעט־הויז איז איינגעפאלען און מענשען זיינען גע'הרג'עט געוואָרען, קען טאַקע זיין אז דער אונטערגאַנג און די איינ־פאלונג זיינען געקומען „במקרה", דורך נאטירליכע צופעלע, אָבער די מענשען זיינען אהין ניט געקומען „במקרה", נאָר ברצון השי"ת. עס איז אזוי באשטימט געווען פון הימעל פאָראויס, אז זיי זאָלען גראָד קומען אין יענער געביידע אָדער אויף יענער שיף און פארשפּילען זייערע לעבענס. פאר וואָס קומט עס זיי, מיט וואָס האָבען זיי פארדינט זייער טראַגישען סוף? — דאָס קענען מיר ניט וויסען.

— און וואָס, — זאָגט דער רמב"ם, — ברייננגט איהם צו דער דאָזיגער אמונה? ווייל ער האָט אין די ספרי הנביאים ערגעץ ניט געפונען, אז עס איז דאָ א השגחה פּרטית אויף אנדערע באשעפענישען אויסער דעם מענשען, אין וועלכען עס איז באהעפט די געטליכע שפע, דער שכל, און ניט אויף קיין אנדערע באשעפענישען.

עס זיינען פאַראַן, — זאָגט דער רמב"ם, — פּסוקים, וואָס דריקען אויס פאַרוואונדערונג אפילו אויף דער געטליכער השגחה אויף מענשען. „מה אָדם ותדעהו?" און: „מה אנוש כי תזכרנו?" וואָס איז דער מענש אז דו, גאָט, זאָלסט פון איהם

וויסען? וואָס איז דער מענש, אַז דו זאָלסט איהם אין זינען האָבען? און אַז דאָס איז ביי זיי אַ וואונדער, האַלטען די נביאים געוויס ניט פון השגחה אויף אַנדערע בעלי חיים.

און אַז עס איז דאָ השגחה אויפ'ן מענשען ווערט באַשטעטיגט אין אַ סך פסוקים. זאָגט אַ פסוק: „היוצר יחד לבם, המבין אל כל מעשיהם" — השי"ת באַשאַפט די מענשליכע הערצער און פאַרשטעהט אַלע זייערע מעשים. אָדער: „אשר עיניך פקוחות על דרכי בני האדם" — דיינע (גאָט'ס) אויגען זיינען אָפען אויף די וועגען, אויף די אויפפיהרונגען פון די מענשען־קינדער. און נאָך עהנליכע פסוקים זיינען דאָ אין דער תורה און אין די נביאים, וואָס צייגען, אַז עס איז דאָ אַ השגחה פרטית אויפ'ן מענשען, אָבער מען קען פון ערגיץ ניט אַרויסדרינגען השגחה פרטית אויף אַנדערע בעלי חיים.

און דאָס וואָס עס שטעהט אין פסוק: „נותן לבהמה לחמה" — השי"ת גיט דער בהמה איהר שפייז, אָדער: „ומשביע לכל חי" — גאָט זעטיגט יעדע לעבעדיגע באַשעפעניש, מיינט עס, — זאָגט דער רמב"ם, — דעם כלל. די השגחה זאָרגט, אַז דער מין זאָל ניט אונטערגעהן, אָבער קיין „השגחה פרטית" איז אויף זיי ניטאָ.

וויסען, — זאָגט דער רמב"ם, — ווייסט השי"ת אַלעס, אפילו וואָס עס פאַסירט אָדער וואָס עס וועט פאַסירען מיט יעדער באַשעפעניש באַזונדער, אָבער די ריכטיגע השגחה, די ריכטיגע פאָראויס־באַשטימונג איז נאָר אויפ'ן מענשען, וואָס איז באַהעפט צום באַשעפער צוליב זיין שכל.

און וויבאַלד אַז אַזוי, וויבאַלד אַז דער מענש איז אונטער שטענדיגע השגחה פרטית, פאַלט אַרונטער די פראַגע פון „רשע וטוב לו, צדיק ורע לו", און מען מוז אָננעמען, אַז אַלעס ווערט געטאָן בדין ובמשפט, כאָטש אונז קען זיך אויסדוכטען אַז עס איז ניט אַזוי.

טו.

נאָך וועגען השגחה און נסיונות

וועגען דעם ענין פון השגחה רעדט דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" זעהר פיל, אויסער דאָס וואָס איך האָב געבראַכט אין פאָריגען קאַפּיטעל. איך וועל אָבער ניט איבערגעבען אַלעס, נאָר ארויסנעמען דעם תמצית, דעם עיקר.

דער הויפּט פונקט אין רמב"מ'ס דעה, ווי שוין געזאָגט, איז, אז „השגחה פּרטית", דאָס אכטונג געבען פון הימעל אויף איינצעלנע, איז נאָר ביים מענשען, אָבער ער ווערט ניט אָנגעווענדעט אויף אַנדערע איינצעלנע בעלי חיים. און דאָס איז דערפאַר, ווייל דער מענש איז אַ בעל שכל, וואָס עס קומט פון געטליכע השפּעה, און ער איז מעהר־וועניגער באהעפט צו השי"ת.

דעריבער, — זאָגט דער „מורה", — איז די השגחה ניט אויף אַלע מענשען גלייך. דאָס ווענדעט זיך אָן די שלמות, אָן די פאָלקאָמענהייט פון מענשען. אויף צדיקים, אויף נביאים איז די השגחה אַ מעהרערע אָדער אַ גרעסערע, לויט זייערע מדרגות. אויף וועמען די געטליכע שפע איז אַ גרעסערע, אויף דעם איז די השגחה אַ גרעסערע.

נאַרישע מענשען אָבער, זינדיגע, וואָס געניסען ניט פון דער געטליכער השפּעה, וואָס זיינען ניט „מדובק" צו די הויפּט שכליות, צו השי"ת, מיט זיי רעכענט מען זיך ניט פון הימעל, ווייל זיי זיינען גלייך ווי בהמות אָדער חיות, אזוי ווי דער פּסוק זאָגט: „נמשל כבהמות נדמו". און דעריבער איז ניט נאָר מעג מען זיי אומברייינגען, נאָר גאָט האָט געהייסען דאָס טאָן, כדי אַנדערע זאָלען זיך פון זיי ניט לערנען און נאָכפאָלגען זייערע מעשים, אזוי ווי ער האָט געהייסען טאָן די זיבען פעלקער פון ארץ ישראל, וועלכע זיינען געוועזען עובדי עבודה זרה, און ניט בעסער פון בהמות. דער כלל איז: אז עס ווענדעט

זיך ווי נאָהענט אָדער ווי ווייט א מענש איז צו השי"ת, אזוי איז אויף איהם חל די השגחה. דער רמב"ם ברייננט פסוקים, אין וועלכע עס ווערט געזאָגט, אז די געטליכע השגחה איז חל אויף צדיקים. זאָגט א פסוק: „עיני ד' אל צדיקים" — גאָט'ס אויגען זיינען אויף די צדיקים, ער גיט אויף זיי אכטונג, אָדער: „רגלי חסידיו ישמור" — ער היט די פיס, די טריט פון זיינע פרומע לייט, און ענליכע פסוקים זיינען פאַראַן א סך.

דער רמב"ם איז ווידער אמאָל מבטל די דעה, אז עס איז נאָר פאַראַן א השגחה „כוללת", אן אַלגעמיינע אויף יעדען מין באזונדער, אָבער אויף איינצעלנע איז ניטאָ קיין השגחה, אפילו ניט אויף מענשען, ווייל דער באשעפער ווייסט גאָרניט וואָס איינצעלנע מענשען טוען. וואָרים אויב ער זאָל ווייסען — טענה'ן זיי אַליץ די זעלבע טענה: וואָרום־זשע טרעפט אז א רשע געהט גוט און א צדיק שלעכט? דער ענטפער אויף דעם איז דאָך ידוע: דער סוף פון דעם רשע, לעולם הבאָ, וועט זיין שלעכט און דער צדיק וועט האָבען מעהר עולם הבאָ.

ריידענדיג ווייטער וועגען השגחה ציטירט דער רמב"ם א פסוק פון תהלים: „הנוטע אוזן הלא ישמע, היוצר עין הלא יביט" — דער באשעפער וואָס האָט דעם מענשען געגעבען אויערען, הערט ער דאָך געוויס; דער וואָס האָט באשאפען אן אויג זעהט ער דאָך. דאָ דערצעהלט דער רמב"ם, אז צוויי אידישע רופאים, דאָקטוירים, האָבען איהם געפרעגט א פראַגע: וויבאַלד אזוי, אז דער באשעפער פון אויערען און אויגען מוז אליין הערען און זעהן, דאַרף דאָך דער באשעפער פון מויל עסען און דער באשעפער פון לונגען — שרייען. הייסט עס, אז השי"ת עסט און שרייט אזוי ווי א מענש. זאָגט דער רמב"ם, אז עס איז ניט אזוי, ער גיט עס צו פארשטעהן ווי פאָלגט:

יעדער פועל, יעדער מייסטער, וואָס מאַכט עפעס א כלי, ווען ער זאָל ניט ווייסען וואָס מען טוט מיט דער כלי, וואָלט ער זי ניט געמאַכט. דער פאַבריקאַנט, למשל, וואָס פאַבריצירט נאָדלען, ווען ער זאָל ניט ווייסען וואָס פאר א געברויך מען

קען פון דעם האָבען, ווען ער זאָל ניט האָבען קיין אהנונג אז מיט א נאָדעל נעהט מען, וואָלט ער עס ניט געמאַכט. עס מאכט ניט אויס וואָס ער, דער פאַבריקאַנט אליין, נעהט ניט, אָבער ער פאַבריצירט עס פאר אנדערע. דאָ פאַלט שוין ארונ־טער זייער פראַגע, אז השי"ת דאַרף עסען און שרייען. און „הנוטע אוזן הלא ישמע" און „היוצר עין הלא יביט", מיינט ניט, אז דער באַשעפער הערט און זעהט, ווי מיר באַגרייפען עס. גשמיות, איז שוין אין די ערשטע פּרקים פון „מורה נבוכים" געזאָגט געוואָרען, איז ניט שייך צוצורעכענען צום באַשעפער. דאָס מיינט אָבער, אז דער באַשעפער פון אויער, ווייסט וואָס לעבעדיגע באַשעפענישען האָבען דערפון, און דער באַשעפער פון אויג ווייסט דעם ענין פון זעהן. וואָרים ווען ער וואָלט עס ניט געוואוסט, וואָלט ער דאָס ניט באַשאַפען. מען קען דאָך ניט זאָגען אז אזא דעליקאַטנער אָרגאַן ווי אן אויג איז געוואָרען במקרה, דורך א צופאַל, און מען מוז צוגעבען אז דאָס איז אַלעס פון גאָט, וועלכער האָט אַלעס באַשאַפען מיט זיין געטליכער חכמה.

עס איז, — זאָגט דער רמב"ם ווייטער, — באַשטעטיגט, אז ביי השי"ת איז ניט שייך אז עס זאָל איהם באַנייט ווערען א ידיעה, אז ער זאָל איצט וויסען דאָס וואָס ער האָט פריהער ניט געוואוסט, און מען קען אויך ניט זאָגען, אז ער האָט א סך ידיעות, פאַרשיידענע ידיעות, ווייל ווען מען זאָל אזוי גלויבען, נעמט דאָך דאָס אוועק פון איהם די ריכטיגע אחדות. און וויבאַלד אזוי, — פרעגען זיי, — ווי קען מען גלויבען, אז ער ווייסט די מעשים פון מענשען, וועלכע זיינען אזוי פאַרשיידען? זאָגט דער רמב"ם, אז מיר מאמינים אין דער תורה גלויבען, אז ניט עס ווערט ביים באַשעפער באַנייט ידיעות און ניט ער האָט אויפ'ן זינען מעהרערע ידיעות, נאָר מיט איין ידיעה, מיט איין וויסען ווייסט ער אַלעס. אַלע זאַכען, וואָס זיינען פריהע־ניטאָ, ווייסט ער אז זיי וועלען זיין און קיין זאַך וואָס ביי אונז איז ניי, נאָר וואָס געוואָרען, אָדער פּאַסירט, איז ביי איהם ניי. זיין ידיעה האָט זיך אָנגעפאַנגען פון „העדר", פון גאָרניט זיין, און ער האָט שוין דאַמאָלס געוואוסט וואָס עס וועט זיין, אזוי

ווייטער און ווייטער אין דער אומענדליכער אייביגקייט. און דאָס אַלעס איז ביי איהם איין ידיעה, ניט מעהרערע ידיעות.

מיר מענשען קענען עס מיט אונזער שכל ניט באַגרייפען. מיר דאַרפען אָבער וויסען, אַז זיין וויסען איז ניט גלייך צו אונזער וויסען, און אַזוי ווי מיר קענען השי"ת אַליין ניט משיג זיין, אַזוי קענען מיר ניט משיג זיין די אַרט און וויזע ווי ער ווייסט אַלעס. אַזוי ווי מיר קענען זיך ניט פאַרגלייכען צו איהם אַליין, אַזוי קענען מיר ניט פאַרגלייכען אונזערע ידיעות צו זיינע.

דער „מורה" רעדט ווייטער וועגען איוב. צי עס האָט טאַקע געלעבט אַ מאַן איוב ווי מאַנכע פון די חז"ל ווילען האָבען, צי „איוב לא היה ולא נברא", ווי איינער זאָגט, מאַכט ניט אויס. ער, דער רמב"ם אַליין, איז מעהר נוטה צו גלויבען, אַז קיין איוב איז ניט געווען, און דער ספר איוב איז ניט מעהר ווי אַ משל. אָבער דער רמב"ם דרינגט אויס, אַז די ויכוחים צווישען איהם, צווישען איוב'ן און זיינען „מרעים", אָדער חברים, באַציהען זיך אויף די דעות וועגען השגחה פּרטית. ער ציטירט פּסוקים און טייטשט זיי איין לויט די פאַרשיידענע מיינונגען וועגען הימעלשער השגחה.

אין אַן אַנדער פּרק רעדט דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" וועגען נסיונות, וואָס ווערט אין דער תורה דערמאָנט אייניגע מאָל, און דאָס איז, — זאָגט ער, — די גרעסטע פון די ספקות אין דער תורה.

וואָס איז נסיון? אונטער'ן וואָרט „נסיון" פאַרשטעהען מענשען, אַז גאָט ברייגנט אויף איינעם מכות און אָנשיקענישען, ניט ווייל ער איז זינדיג, נאָר כדי ער זאָל האָבען מעהר שכר, און דאָס איז דער היפּוך, דער קאָנטראַסט פון דעם וואָס דער פּסוק זאָגט: „אל אמונה ואין עול" — גאָט טוט ניט קיין אומרעכטען. וואָרום שטראָפען אַ יחיד אָדער אַ רבים אומזיסט און אומנישט?

און ניט אַלע חכמים, — זאָגט ער, — מיינען אַזוי. עס זיינען פאַראַן חכמי חז"ל, וואָס זאָגען, אַז עס פּאַסירט אַמאָל „יסורין של אהבה", אַז אויף מענשען ווערען אָנגעשיקט יסורים, ניט אַלס שטראָף פאַר זינד, נאָר אויס ליבשאַפט, ווייל גאָט

האָט זיי ליב. ניט אַלע האַלטען אָבער מיט דער דאָזיגער דעה, נאָר דער המון גלויבט אין דעם. דאַרפען דאַרף מען אָבער האַלטען מיט די יעניגע וואָס זאָגען, אז „אין מיתה בלא חטא ואין יסורים בלא עון" — מען שטארבט ניט אויב מען זינדיגט ניט, און מען האָט ניט קיין ליידען אויב מען איז ניט קיין פאַרברעכער.

דאָס איז שוין, אייגענטליך, געזאָגט געוואָרען פריהער ביי אַן אַנדער געלעגענהייט, נאָר דער רמב"ם חזר'ט עס איבער אַלס הקדמה צו זיין ערקלערונג וועגען נסיונות, וואָס ער האַלט פאַר אומגלויבליך אין פשוט'ן זין, און בפרט די מעשה העקידה. גאָט האָט געוואָלט אויספּרובירען אברהמ'ן אויב ער איז איבער־געגעבען צו איהם, האָט ער איהם געהייסען קוילענען זיין קינד! און אָהן אַ פּראָבע האָט ער דאָס ניט געוואוסט?

אָדער ריידענדיג וועגען מן אין פרשה עקב ווערט געזאָגט: „ויענך וירעבך לנסתך לדעת את אשר בלבבך" — גאָט האָט דיך (דאָס פאָלק ישראל) געפּייניגט, געהונגערט און געשפּייזט מיט מן, כדי צו וויסען וואָס ביי דיר אין הארצען טוט זיך. און אָהן דעם האָט ער דען ניט געוואוסט? אָדער עס איז דאָ נאָך אַ פּסוק: „לדעת הישכם אוהבים את ד'" — השי"ת האָט געוואָלט וויסען אויב די אידען האָבען איהם ליב. וואָס הייסט ער האָט געוואָלט וויסען? האָט ער עס דען ניט געוואוסט?

ענטפערט דער רמב"ם אַזוי:

די אַלע נסיונות, וואָס ווערען דערמאָנט אין דער תורה, איז די כונה דערביי געווען, אַז אַנדערע זאָלען וויסען וואָס מען דאַרף טאָן און אין וואָס מען דאַרף גלויבען. „לדעת הישכם אוהבים", מיינט ניט, אַז גאָט זאָל וויסען, נאָר די אומות זאָלען וויסען אויב די אידען האָבען ליב גאָט, אויב זיי זיינען איבער־געגעבען צו איהם. דאָס וואַנדערען אין מדבר פערציג יאָהר איז געווען אַן איבערצייגונג פאַר די אומות אַז די אידען ליבען זייער גאָט און טוען זיין הייליגען רצון. דאָס זעלבע, — זאָגט דער רמב"ם, — איז אויך מיט נאָך אַ פּסוק: „למען אנסנו הילך בתורתי אם לא", מיינט ער אויך ניט, אַז דער באַשעפער

האָט די אידען געשטעלט צו פּראָבע, נאָר כדי זיי זאָלען זיין א מוסטער צו אנדערע.

„למען ענתך לנסתך", — זאָגט דער רמב"ם, — קען מען גאָר טייטשען: פּלאגען דיך און איינגעוואוינען דיך. אזוי ווי „לא נסתה כף רגלה", איז דער טייטש: איהר פוס איז ניט געוואוינט געווען. השי"ת האָט דעריבער געפיהרט די אידען דורך א ווייטען וועג אין דער מדבר, כדי זיי זאָלען זיך גע־וואוינען צו ליידען און דאָס וועט זיי מאכען לייכטער מלחמה צו האלטען מיט די פעלקער אין ארץ־ישראל. וואָרים אז מען לעבט אין ראָסקאָש, איז שווער אויסצושטעהן די מאטערניש און ליידען פון מלחמה.

וועגען דער עקידה, — ערקלערט דער רמב"ם, — אז ניט גאָט האָט געוואָלט אויספּרובירען אברהמ'ן, נאָר אין דעם זיינען געווען צוויי אנדערע צילען. ערשטענס: כדי מען זאָל פון איהם, פון אברהמ'ן, לערנען ווי ווייט מען דארף זיין איבער־געגעבען צו גאָט'ס דינסט. אברהם, כידוע, האָט דערלעבט א זוהן, אן איין־איינציג קינד אויף דער עלטער. פון דעסטוועגען האָט ער אויף גאָט'ס פאַרלאַנג איהם געוואָלט אומברייננגען, טאקע אום צו צייגען דער וועלט ווי איבערגעגעבען מען דארף זיין צום אייביגען גאָט, וואָס ער איז געווען זיין ענטדעקער. דער „עתה ידעתי כי ירא אלקים אתה" — איצט וויים איך אז דו האָסט מורא פאר גאָט, וואָס עס ווערט געזאָגט אין פרשת העקידה, מיינט ניט, אז גאָט האָט זיך ערשט דאמאָלס דער־וואוסט. ער האָט עס פריהער אויך געוואוסט, נאָר פון דער מעשה העקידה איז עס ארוים בפועל פאר דער וועלט.

דער צווייטער ציל פון דער עקידה איז געווען, אז די וועלט זאָל ניט האָבען קיין צוטרויען צו איינעם וואָס וועט זיך פּראָ־קלאמירען אלס נביא, סיידען מען וועט פון איהם זעהן אזא ביישפּיל אזוי ווי מען האָט געזעהן פון אברהמ'ן, דער ערשטער, וואָס האָט דערקענט די אמת'ע גאָטהייט.

אָבער, — פיהרט אוים דער רמב"ם, — דער באשעפער שטעלט קיינעם ניט צו קיין נסיון, אזוי ווי מאנכע „סכלים ופתאים" ווילען צו איהם צורעכענען.

טז.

וועגען דעם צוועק פון תורה ומצוות

אין א פאריגען ארטיקעל האב איך איבערגעגעבען דעם רמב"ם'ס דעה וועגען דעם תכלית היצירה, דער צוועק פון דער שאפונג פון דער וועלט און וואס עס געפינט זיך אין איהר.

דער רמב"ם וויל האבען, אז די וועלט, די אלע נמצאים, עקזיסטירענדע זאכען אויף דעם עולם התחתון און אפילו די גלגלים, וואס רעגולירען דעם וועלט-גאנג, זיינען ניט, ווי אנדערע ווילען האבען, באשאפען געווארען צוליב דעם מענשען, וואס ער דינט דעם באשעפער. ער הייסט ניט טראכטען וועגען דעם און אננעמען, אז אזוי איז געוועזן דער רצון הבורא. פארוואס? צוליב וואס פאר א צוועק? קענען מיר מענשען ניט וויסען.

דאס שליסט אבער ניט אויס, אז די וועלט האט יא א תכלית, א געוויסען ציל. עס איז מעהר ניט, מיר קענען דאס ניט דערגעהן, ווייל אונזערע השגות זיינען ניט גרויס גענוג און ניט שטארק גענוג צו באגרייפען עס.

אין א ווייטערען פרק זאגט דער רמב"ם אין „מורה נבוכים" אזוי:

אלע פעולות, אלע טאטען, וואס מענשען טוען, זיינען איינגעטיילט אין פיר טיילען, אין פירערליי קאטעגאריעס: פעולת הבל, פעולת שחוק, פעולת ריק און פעולה טובה.

פעולת הבל מיינט: א פוסטע ארבייט, אן ארבייט אהן א צוועק, אהן א ציל, אזוי ווי פארטראכטע מענשען אדער משוגעים טוען עפעס און ווייסען אליין ניט וואס זיי טוען.

פעולת שחוק מיינט, אז מען האט יא א כונה, אז מען ווייס יא וואס מען טוט, אבער דער טוער דארף דאס ניט טאן. טאנצען, למשל, שפילען באל, מאכען קערפערליכע איבונגען

(עקסערסייזעס) הייסען אמאָל דאָקטוירים, כדי צו פאַרדייען דעם עסען, אָדער צוליב אַנדערע זאַכען, כדי צו פאַרשטאַרקען דעם געזונט. ווען דאָס טוט אָבער אַזאַ איינער, וואָס דאַרף ניט פון היגיענישען שטאַנדפּונקט, מאַכט ער זיך נאָר לעבערליך. דער רמב"ם גיט נאָך אַ ביישפּיל: אַ קענער, אַ געלערענטער, ווען ער איז זיך מטריח מיט שרייבען, האָט עס אַ זינען; אַ פּראָסטאַק, אָבער, וואָס פּאַטשקעט גלאַט אין דער וועלט אריין, איז עס אַ לעבערליכע עובדא.

פעולת ריק מיינט: אַן אומזיסטע באַמיהונג. מען לייגט אַוועק ארבייט אויף אַ געוויסער זאַך, אויף אַ וויכטיגען ענין, אָבער צוליב געוויסע שטערונגען גיט זיך עס ניט איין. אויף אַזאַ פאַל זאָגט מען: „געאַרבייט אומזיסט און אומנישט". מען לייגט, למשל, אַוועק טרחה געזונד צו מאַכען אַ קראַנקען און דער קראַנקער שטאַרבט. הייסט עס, אַז די מיה איז געווען אַן אומזיסטע. און פעולה טובה מיינט, אַז דער צוועק פון דער פעולה, פון דער אַרבייט וואָס דער פועל טוט, ווערט דערגרייכט.

נאָך דער דאָזיגער הנחה, — זאָגט דער רמב"ם, — קען קיין בעל שכל ניט דענקען, אַז וועלכע עס איז טאַט פון השי"ת באַלאַנגט צו די ערשטע דריי, צו הבל, שחוק אָדער ריק. דאָס באַלאַנגט נאָר דער לעצטער, צו פעולה טובה. ווערט דאָך געזאָגט ביי בריאת העולם: „וירא אלקים את כל אשר עשה והנה טוב מאד" — השי"ת האָט געזעהן אַז אַלעס וואָס ער האָט געמאַכט איז זעהר גוט.

און אַלעס וואָס דער באַשעפער האָט באַשאַפען איז איינס פון די ביידע: ענטוועדער עס איז אַ „הכרחי", אַ נויטווענדיגקייט, וואָס אָהן דעם קען ניט זיין, אָדער, אויב ניט קיין מוז, איז עס זעהר נוצליך. אַ מענש, למשל, אָדער אַן אַנדער לעבעדיגעס וועזען מוז האָבען אַ האַרץ, ווייל אין האַרץ ליגט דאָס לעבען און אָהן דעם קען מען ניט לעבען. אויגען אָבער, צום ביישפּיל, איז ניט קיין „הכרח", וואָרים בלינדע לעבען דאָך אויך. דאָס איז אָבער זעהר נוצליך. דורך די אויגען ווייסט אַ לעבעדיגע באַשעפעניש ווי אויסצוהיטען זיך פון געפאַהר, אָדער שנעלער און לייכטער צו קריגען שפּייז, וואַסער און אַנדערע

נויטוועטדיגקייטען. דער כלל איז, אז אין „דברים הטבעיים", אין נאַטירליכע זאַכען, וואָס די נאַטור צווינגט אזוי, איז ניטאָ קיין הבל, קיין שחוק און קיין ריק. עס מאַכט ניט אויס, וואָס ניט אַלעס ווייסען מיר און פאַרשטעהען, אָבער אַזוי איז דאָס. ניטאָ קיין זאַך אָהן א צוועק, אָהן א תכלית. ווארים אז מען זאָל זאָגען, אז איין זאַך איז ניט געשאַפען פאַר דאָס אַנדערע, אז עס זיינען ניטאָ קיין „סבות ומסובבים", נאָר אַלעס איז ענטשטאַנען בלויז פון דעם רצון פון גאָט, ווייל אזוי האָט ער געוואָלט אָהן וועלכע עס איז מאָטיווען, קומט דאָך אויס אז זיינע פּעולות זיינען הבל, אָדער נאָך ערגער — שחוק, לעכערליך.

עס זיינען פאַראַן פּסוקים, וואָס אין פלוג קען מען טאַקע אויסדרינגען אזוי, אז אַלעס איז באַשאַפען געוואָרען בלויז מיט'ן רצון פון השי"ת. איז דאָ א פּסוק: „כל אשר חפץ ד' עשה" — אַלעס וואָס גאָט געוואָלט האָט ער געמאַכט, אָדער: „ונפשו אותה ויעש" — ער האָט געוואָלט און געמאַכט. דער פּשט איז אָבער אַנדערש. די פּסוקים מיינען צו זאָגען, אז וואָס דער באַשעפער האָט געוואָלט האָט ער געמאַכט, ווייל עס איז ניט געווען קיין הינדערונג, קיין אָפּהאַלט, אָבער קיין זאַך איז ניט געמאַכט אָדער באַשאַפען געוואָרען אָהן א כונה, אָהן אין זינען צו האָבען א געוויסען ציל.

און אַזוי ווי אין טבעיים, אין נאַטור זאַכען, זעהען מיר, אז שאַפונגען זיינען געקייטעלט איינע מיט די אַנדערע, אז וואַקסונגען, למשל, מוז מען האָבען פאַר לעבעדיגע באַשעפענישען, אז רעגען ברייננט וואַקסונגען, וכדומה, אזוי איז די גאַנצע יצירה אויך צוליב א תכלית. מען קען ניט פרעגען: צו וואָס דאַרף מען עס איינגאַנצען, און צי וואָלט השי"ת עפּעס נחסר געוואָרען ווען עס וואָלט קיין וועלט ניט געווען? די גאַנצע וועלט איז ניט באַשאַפען געוואָרען בלויז צוליב דעם רצון הבורא, נאָר ער האָט דערמיט עפּעס באַצוועקט. וואָס? — דאָס זיינען אונזערע מחות צו טעמפּ משיג צו זיין.

וואָס אָנבאַלאַנגט די תורה ומצוות, וואָס גאָט האָט אונז געגעבען, זיינען פאַראַן אַזעלכע וואָס זוכען אין דעם קיין סבה, קיין אורזאַך און הענגען עס אָן בלויז אָן רצון הבורא. אזוי

האָט דער באשעפער געוואָלט, אָהן וועלכען עס איז תכלית אָדער צוועק. זיי זאָגען: אויב מען וועט אין אַלע מצוות זוכען אורזאַכען צוליב וואָס זיי זיינען געגעבען געוואָרען, וועט מען נאָך קענען מיינען, אַז די תורה איז געשאַפען געוואָרען פון קלוגע מענשען, וואָס האָבען איינגעזעהן, אַז מען נויטיגט זיך אין דעם, און ניט פון גאָט. דעריבער, קומט ביי זיי אויס, איז פראַקטישער ניט צו זוכען קיין טעמים און אָנהענגען אַלעם אָן רצון. השי"ת האָט אַזוי געוואָלט און מען דאַרף קיין פראַגעס ניט פרעגען. אָבער דאָס, — זאָגט דער רמב"ם, — איז זעהר ניט ריכטיג. לפי דבריהם קומט דאָך אויס, אַז דער באַשעפער הייסט טאָן זאַכען, וואָס ברייגגט קיינעם קיין נוצען ניט, און פאַרבאָט זאַכען, וואָס קענען קיינעם ניט שאַדען.

דער אמת איז, — זאָגט דער רמב"ם, — אַז אַלע מצוות זיינען געגעבען געוואָרען לשם תכלית. אַלע פאַרזאָגען און פאַר־באָטען זיינען געגעבען געוואָרען צוליב געוויסע אורזאַכען. מאַנכע זיינען נויטווענדיג און מאַנכע, אויב ניט אַזוי נויט־ווענדיג, ברייגגען זיי אָבער נוצען. אפילו די חוקים, די מצוות, וואָס אויבערפלעכליך האָבען זיי קיין טעמים, זיינען אויך ניט געגעבען געוואָרען אָהן געוויסע מאָטיוון צו גונסטען די מענ־שען, זיי זאָלען לעבען בעסער און שעהנער געזעלשאַפטליך, צו פאַרהיטען זייער געזונט און ניט פאַרדאַרבען ווערען גייסטיג.

דער „מורה" רעדט דערפון זעהר פיל און גיט אָן טעמים אויף אַלע מצוות, אויף די אַלע תרי"ג געבאָטען און פאַרבאָטען פון דער תורה, וועלכע ער טיילט איין אין פערצעהנערליי קלאַסען. איך וועל אָבער בלויז פון דאָ און דאָרט, ניט נאָכ'ן סדר ווי זיי קומען אין „מורה נבוכים", ארויסנעמען איינגע פון זיי לדוגמה, אַלס ביישפילע.

אויף קרבנות, למשל, שטעלען זיך אַ סך אָפּ און פרעגען: צו וואָס דאָס מקריב זיין קרבנות צו גאָט? וואָס פאַר אַ מאָטיוו האָט השי"ת געקענט האָבען אין הייסען די אידען בויען פאַר איהם אַ משכן אָדער אַ מקדש און ברייגגען אָפּפער פון זייגעט־וועגען? אויף דעם ענטפערט דער רמב"ם אַזוי:

אין אברהם אָבניו'ס צייטען, און אויך שפּעטער, זיינען

מענשען געווען פארזונקען אין היידענישע גלויבונגען. מאנכע האבען געגלויבט אז די זון איז גאט, מאנכע האבען געהאט אמונה אין דער לבנה און אין שטערען און האבען צו זיי געדינט, און מאנכע האבען גאר געדינט צו געוויסע בוימער. דער „מורה נבוכים" איז מאריך אין באשרייבונגען און שילדערונגען פון פארצייטיגע עובדי עבודה זרה, אבער איך וועל עס דורכלאזען. עס איז גענוג צו וויסען דעם פאקט, אז די אומציוויליזירטע מענשען האבען געבויט פאלאצען פאר זייערע געטער, האבען געהאט פריסטער און האבען מקריב געווען קרבנות מיט געוויסע צערעמאניעס. גאט האט ניט געוואלט אפגעוואוינען מענשען מיט אמאל פון געצענדינסט. ער האט ניט געוואלט מאכען קיין פלוצלונגע ענדערונג אין א זאך, וואס איז געווען איינגעווארצעלט אין הערצער פון דור דורות, און ער האט עס געטאן אויף א מילדען אופן. ער האט זיי געהייסען מאכען עטוואס עהנליכעס, א מקדש, א מזבח מיט קרבנות פאר איהם, אבער אויף אן אנדער אופן, מיט אנדערע הנהגות, ניט ווי די וואס דינען צו דער זון, צו דער לבנה און צו די שטערען. ער האט אויך געגעבען די דינים פאר כהנים, די דינים פון מתנות כהונה עהנליך צו די וואס די געצענדינער האבען פראקטיצירט, און אנגעזאגט: „את מזבחותם תתצון ואשריהם תשרפון באש" — די מזבחות פון די היידען זאלט איהר פארניכטען און די בוימער, צו וועלכע זיי בוקען זיך, זאלט איהר פארברענען.

די כרובים אין משכן, — זאגט דער רמב"ם, — האט גאט געהייסען מאכען אלס אן אנדייטונג אויף מלאכים. ווארום מען דארף גלויבען אין די עקזיסטענץ פון מלאכים אזוי ווי מען דארף גלויבען אין גאט אליין. מען האט אין די אידען גע־דארפט איינפלאנצען די אמונה, אז גאט'ס רייד צו די נביאים קומען פון מלאכים, ניט פון צלמים און געוויסע בוימער, ווי די פעלקער אדער סעקטעס האבען געמיינט. און עס איז דעריבער פארזאגט געווארען אז עס זאלען זיין צוויי כרובים איבער'ן ארון, ווארים אויב נאר איינס, וואלט מען געמיינט, אז דאס איז דער גאט. מען האט זיי געדארפט אנדייטען, אז גאט איז איינער און מלאכים זיינען דא א סך.

דאַרפֿען דאַרף עס השי"ת ניט, אָבער עס וואָלט די אידען אָנגעקומען זעהר שווער אָפּצוזונדערען זיך איינגאַנצען פֿון אַנ־דערע פֿעלקער און זייערע מנהגים, האָט ער עס פֿאַרלייכטערט דערמיט וואָס ער האָט זיי געהייסען טאָן כמעט דאָס זעלבע וואָס יענע טוען, אָבער אויף אַן אַנדער שטייגער.

דאָס איז, — זאָגט דער רמב"ם, — אַלץ איינס ווי עס זאָל, למשל, אויפשטעהן אַ נביא און זאָגען, אַז מען דאַרף ניט תפלה טאָן צו גאָט, אָדער ניט טאָן אַן אַנדער זאַך, צו וועלכער מען איז געוואוינט פֿון דור דורות, וואָלט מען איהם זיכער ניט געפֿאָלגט, אַזוי איז דאַמאָלס אויך געווען.

דעריבער האָט די תורה אָנגעזאָגט, אַז קרבנות זאָל מען מקריב זיין „מן הבקר ומן הצאן", רינדער און שאָף, שעפּסען און ציגען, ווייל געצענדינערשע סעקטעס פֿלעגען מקריב זיין קרבנות פֿון וואַלד חיות, און רינדער און שאָף איז ביי זיי געווען פֿאַרהייליגט אין פֿאַרבינדונג מיט מזלות, מיט הימעלשע קערפּערס, צו וועלכע זיי האָבען געדינט, און מען האָט זיי ניט געטאָרט שעכטען. האָט די תורה געהייסען, אַז דוקא די זאָל מען מקריב זיין, כדי די געטליכע קרבנות זאָלען טראָגען אַן אַנדער כאַראַקטער, ניט גלייך צו די געצענדינערשע.

דאָס זעלבע איז אויך מיט פֿאַרשידענע מינים כשוף, וואָס די תורה האָט אָנגעזאָגט: „לא יהיה בך מעונן ומנחש ומכשף", ווייל דער ענין כשוף איז געווען פֿאַרבונדען מיט עבודה זרה, מיט געצענדינערשע אָבערגלויבונגען. די תורה האָט אָנגעזאָגט: „מכשפה לא תחיה", אַ מכשפה, אַ פֿרוי וואָס גיט זיך אָפּ מיט מעשה כשפים זאָל מען ניט לאָזען לעבען, איז דער זעלבער דין אויך מיט מאַנספּאַרשוינען, וואָס האָבען עס פּראַקטיצירט, אָבער על פּי רוב איז עס געווען די עובדה פֿון פֿרויען, דעריבער איז געווען דער אָנזאָג „מכשפה". און נאָך אַ זאַך: אויף אַ פֿרוי לייגט מען מעהר רחמנות. הינריכטען אַ פֿרוי קומט עפּעס אויס גרויזאַמער ווי הינריכטען אַ מאַנסביל, דעריבער האָט די תורה אָנגעזאָגט, אַז אַ מכשפה זאָל אויך ניט געשוינט ווערען.

שפּעטער, נאָך די מעשה המשכן און קרבנות, האָט די תורה אָנגעזאָגט: „לא תקיפו פאת ראשכם", מען זאָל ניט

ארומשערען די האָר פון קאָפּ רונד. עס איז אויך אָנגעזאָגט געוואָרען, אז מען זאָל ניט גאָלען די בערד, ווייל אזוי פלעגען טאָן די פּריסטער ביי די געצענדינער.

דער פארזאָג פון שעטנ״ז, אז מען טאָר ניט טראָגען א בגד פון א מאַטעריע, וואָס איז א געמיש פון וואָל און פלאַקס, — זאָגט דער רמב״ם, — איז אויך געווען כדי אויסצוראָטען עבודה זרה. עס זיינען געווען אזעלכע וואָס האָבען געגלויבט אז עס זיינען פאראַן צוויי געטער, איינער האָט צו זאָגען אויף בעלי חיים, אויף לעבעדיגע באַשעפענישען און דער צווייטער — אויף צמחים, אויף וואַקסונגען. דעריבער פלעגען זיי טראָגען קליידער פון א געמיש פון וואָל, וואָס קומט פון שעפסען, און פלאַקס, וואָס איז א וואַקסונג, כדי שטענדיג אין זינען צו האָבען ביידע געטער. האָט די תורה אָנגעזאָגט, אז מען זאָל אזעלכע מלבושים ניט טראָגען.

ערלה, דער דין אין דער תורה, אז די ערשטע דריי יאָהר נאָכדעם ווי מען פאַרפלאַנצט א פרוכט־בוים טאָר מען די פרוכט ניט געברויכען, — זאָגט דער „מורה נבוכים", — האָט אויך צו טאָן מיט דעם ענין פון עבודה זרה. די געצענדינער פלעגען די ערשטע דריי יאָהר מקריב זיין די פרוכט צו זייערע געטער, האָט די תורה אָנגעזאָגט, אז די דאָזיגע פרוכט איז אינגאַנצען פארבאָטען און מען טאָר פון דעם קיין שום געברויך ניט מאַכען, און אויפ'ן פערטען יאָהר זאָל די פרוכט זיין „קודש", א שטיקעל עהנליכקייט ווי ביי די היידען די ערשטע דריי יאָהר.

דער איסור פון בשר בחלב, פון געברויכען פלייש מיט מילך צוזאַמען, — זאָגט דער רמב״ם, — איז ערשטענס, ווייל דאָס איז א גראָבע אכילה, און צווייטענס, מיינט ער, האָט עס אויך א שייכות מיט עבודה זרה. דער אַלגעמיינער איסור אויף בשר וחלב ווערט ארויסגעדרונגען פון דעם פסוק „לא תבשל גדי בחלב אמו" — דו זאָלסט ניט קאָכען קיין ציגעלע אין דער מוטער'ס מילך, וואָס ווערט אין דער תורה איבערגע'חזר'ט דריי מאָל. דאָס ערשטע מאָל אין פרשה משפטים. דאָרט ווערט געזאָגט: „שלש פעמים בשנה יראה כל זכורך" — דריי מאָל אין יאָהר, פסח, שבועות און סוכות, זאָלען אַלע מאנספּאָר־

שוינען „עולה רגל" זיין, קומען אין גאָט'ס הויז, און באַלד נאָך דעם שטעהט: „לא תבשל גדי בחלב אמו". טאָ וואָס פאַר אַ שייכות האָט עולה לרגל זיין מיט „בחלב אמו"? דענקט דער רמב"ם, אַז מסתמא איז עס געווען אַ מנהג ביי אַ געוויסען פאָלק אָדער סעקטע, אַז ווען זיי פלעגען זיך אין זייערע ימים טובים צוזאַמענקומען אין די קירכען, פלעגט מען קאָכען יונגע ציגעלאך אין זייער מוטער'ס מילך, דערפאַר האָט עס די תורה פאַרבאָטען.

יז.

עגלה ערופה און ארבעה מינים

ווי איך האָב געזאָגט אין פאָריגען קאַפּיטעל, וועל איך בלויז ארויסנעמען איינינע פּרטים פון די טעמי המצוות, וואָס דער „מורה" גיט אָן, און די איבעריגע קען יעדער יודע ספר געפינען אין ספר גופא. אגב איז ווערט צו באַמערקען, אַז די טעמי המצוות איז דער לייכטסטער טייל אין „מורה נבוכים" און מען דאַרף ניט זיין קיין גרויסער למדן צו פאַרשטעהן זיי. איך וועל דאָ בלויז ארויסברייננען איין פונקט, וואָס דער רמב"ם זאָגט וועגען מאכלות אסורות בכלל, און דאַן ארומריידען נאָך אַ פּאָר פּרטים.

ריידענדיג וועגען אנדערע מאכלות אסורות, וועגען געוויסע חיות, פויגעל און פיש, וואָס די תורה האָט פאַרבאָטען צו עסען, זאָגט דער „מורה", אַז דאָס איז פון היגיענישען שטאַנד־פונקט און צוליב ציכטיגקייט. דער פאַרבאָט אויף עסען חזיר, — זאָגט ער, — איז טיילוויז צוליב ריינליכקייט. ווען מען זאָל מעגען עסען חזיר, — ערקלערט ער, — וואָלטען אידען געהאָ־דעוועט חזירים און די מערק, די גאַסען און די הייזער וואָלטען געווען מעהר פאַרשמוצט ווי אַ בית הכסא, „כמו שתראה ארצת

הצרפתים היום" — אזוי ווי מען זעהט היינט אינ'ם לאַנד פון די פראַנצויזען.

דער פאַרזאַג פון עגלה ערופה איז אַ מערקווירדיגער. אַז מען געפינט אַן ערמאָרדעטען אין פעלד און מען ווייסט ניט ווער דער מערדער איז, — זאָגט די תורה אין פרשה שופטים, — דאַרפען ארויסגעהן די זקנים און שופטים און מעסטען דעם מרחק, די שטרעקע פון מאָרד פּלאַץ צו די אַרומיגע שטעדט, און די נעהנטסטע שטאָדט דאַרף נעמען אַ קאַלב, ארויספיהרען זי אל „נחל איתן", אויף אַ האַרטען באָדען, וואָס איז ניט בעאַרבייט און באַזעעט, און דאָרט אָפּהאַקען דעם קאַלב'ס קאָפּ. דערביי דאַרפען אויך זיין די כהנים, און די זקנים דאַרפען זאָגען: „ידינו לא שפכו את הדם", אונזערע הענד האָבען ניט פאַר־גאָסען דאָס בלוט, און די כהנים ווידער דאַרפען זאָגען: „כפר לעמך ישראל" — פאַרגיב זיי, גאָט, זיי מוחל דעם אידישען פאָלק. איז דאָך דאָס אַ מאָדנע צערעמאָניע, און צו וואָס? וואָס פאַר אַ שכל ליגט אין דעם? און וואָס פאַר אַ נוצען קען דאָס ברייגנען? זאָגט דער רמב"ם, אַז אין דעם ליגט דוקא אַ שכל און דאָס איז פון גרויס וויכטיגקייט.

מען נעמט אָן, אַז דאָס רוב איז דער מערדער פון דער נעהנטסטער שטאָדט, און אויף יענער שטאָדט ליגט מעהר די פאַראַנטוואָרטליכקייט פאַר דעם פאַרברעכען. דעריבער האָט די תורה ארויפגעלייגט דעם חוב פון דער עגלה ערופה אויף יענער שטאָדט. אָבער וואָס קען מען פון דעם געווינען? איז גאָר פּשוט: כדי מפרסם זיין דעם ענין דורך דער מאָדנער צערעמאָניע. אַז מען וועט הערען, אַז מען געהט דורכפיהרען דעם אַקט פון עגלה ערופה, אין וועלכען עס וועלען זיין באַטיי־ליגט די זקנים, די שופטים און די כהנים, וועט מען וועגען דעם ריידען. דאָס וועט דאָך מוזען מאַכען אַ גערודער, און אַז מען וועט ריידען, וועט מען זיך אפשר דעררייידען. וואָרים ווער עס וועט וויסען עפּעס אַ שפּור צום מערדער, וועט קומען זאָגען, און מעהר ווי דאָס האָט מען ניט געדאַרפט. קוים האָט מען זיך דערוואוסט ווער דער מערדער איז, האָט מען איהם

שוין אויפגעזוכט און מקים פּסק געווען און מען האָט דעם קאַלב'ס קאָפּ ניט אָפּגעהאַקט.

און מען האָט זיך נאָך מעהר באוואָרענט, אַז אויב עס וועט קומען דערצו, אַז מען וועט מוזען דורכפיהרען דעם עגלה ערופה אַקט, זאָל מען יענעם באָדען קיינמאָל ניט טאָרען באַ־אַרבייטען, — דאָס דרינגען די חז"ל ארויס פון די ווערטער „אשר לא יעבד בו ולא יזרע", וואָס דאָס איז אַ לשון עתיד. עס זאָל אין דער צוקונפט ניט געאַרבייט ווערען און געזייהט ווערען אין יענעם פעלד — כדי דער אייגענטימער פון יענעם פעלד זאָל זיך סטאַרען צו געפינען דעם מערדער, אום זיין לאַנד זאָל ניט פאַרבלייבען פּוסטעוועז אויף אייביג.

וועגען די ארבעה מינים, דער אתרוג, לולב, ערבות און הדסים, וואָס די תורה זאָגט, אַז מען זאָל נעמען סוכות, גיט אָן דער „מורה" פאָלגענדען טעם:

די יאָהרען, וואָס די אידען האָבען געוואַנדערט אין מדבר, האָבען זיי קיינע וואַקסונגען ניט געזעהן. ווי דער פּסוק זאָגט: „מקום לא זרע ותאנה וגפן ורימון" — אַ פּלאַץ וואו עס איז ניטאָ קיינע וואַקסונגען, קיין פייגען־בוים, קיין וויינשטאָק און קיין מילגרוים. אַפילו קיין וואַסער איז דאָרט אויך ניט גע־ווען — „ומים אין לשתות". אַז זיי זיינען נאַכהער געקומען אין ארץ־ישראל האָבען זיי שוין די אַלע זאַכען געזעהן און געהאַט זייער אייגענס, אי פאַרשידענע פּרוכט, אי אַנדערע וואַק־סונגען, אי טייכען, ווי דער פּסוק זאָגט: „ארץ נחלי מים" — ארץ ישראל איז געווען אַ לאַנד מיט וואַסערען, מיט טייכען. דעריבער איז געגעבען געוואָרען אַ געבאָט אין דער תורה, אַז אין חג האסיף זאָל מען זיך משמח זיין מיט די פיער מינים ערד־פּראָדוקטען, וואָס זיינען אַ סך געוואַקסען אין ארץ־ישראל אין יענער צייט, און זיינען מעהר דויערהאַפט און האַלטען זיך פריש אַ לענגערע צייט, כדי מען זאָל אין אַלע סוכות־טעג זיך דערמאָנען, אַז אין מדבר האָבען זיי די אַלע זאַכען ניט געהאַט, און די שמחה וועט זיין אַ גרעסערע און מען וועט מעהר דאַנקען און לויבען גאָט. די מצות סוכה גופא איז אויך, כדי צו האַל־טען בזכרון דעם חסד וואָס גאָט האָט געטאָן מיט די אידען,

וואָס ער האָט זיי פון וויסטעניש געבראַכט אין אַ לאַנד, וואו עס פעהלט זיי גאָרניט. דער טעם פון סוכה ווערט דאָך בפירוש געזאָגט אין דער תורה: „כי בסוכות הושבתי" — אין מדבר זיינען די אידען געזעסען אין סוכות, איןביידלאָך, אין פאַ־לאַטקעס.

ריידענדיג וועגען דעם ענין פון די ארבעה מינים, זאָגט דער רמב"ם: „והנראה לי" — ווי מיר זעהט אוים; מחמת די חז"ל, די בעלי המדרש גיבען אָן אַנדערע סבות אָדער טעמים. זיי זאָגען, צום ביישפּיל: „לולב זה הקדוש ברוך הוא" — לולב מיינט גאָט, און אַזוי טייטשען זיי אוים די אַנדערע מינים. דער רמב"ם רעדט וועגען דעם אַ ביסעל איראָניש, ניט וועגען די דרשות אָדער אַגדות גופא, נאָר וועגען די וואָס גלויבען, אַז אומעטום וואו די חז"ל דרש'ענען אַ פסוק, איז טאַקע דאָס די כונה פון פסוק, און זיי נעמען אָן דרשות, אויסדרינגונגען פון פסוקים, אַזוי ווי אָנגענומענע דינים. דאָס, — זאָגט דער רמב"ם, — איז ניט אַזוי. ביי אונזערע אַלטע חכמים, — ערקלערט ער, — איז עס געווען „כדמות מליצת השיר", פּאָעטישע מליצות. זיי האָבען פון פסוקים אויסגע'פּשט'עלט זייטיגע זאַכען, און מענשען מיט שכל דאַרפען וויסען, אַז מיינען מיינען די פסוקים אין פשטות ווי די ווערטער ווערען פשוט פאַרטייטשט. דערביי ציטירט ער אַ מאמר חז"ל:

אין פרשה תצא שטעהט: „ויתד תהיה לך אל אזנך". דער טייטש דערפון איז: דו זאָלסט האָבען אַ פאַרשאַרפטען שטעקעל צווישען די אַנדערע נויטווענדיגקייטען, וואָס דו טראָגסט מיט, און דו זאָלסט מיט דעם גראָבען און צודעקען דיין אָפּפאַל. אַזוי האָט גאָט אָנגעזאָגט די אידען, ווען זיי האָבען געוואַנדערט אין מדבר, פשוט פון ציכטיגקייט וועגען. זאָגען די חז"ל: „תני בר קפרא", האָט בר קפרא געלערענט, — „אל תקרי אזנך אלא אזנך" — דו זאָלסט ניט לייענען „אזנך" מיט אַ פתח אונ־טער'ן אלף און אַ צירי אונטער'ן זין, נאָר „אָזנך" מיט אַ קמץ אונטער'ן אלף און אַ שלא אונטער'ן זין, וואָס איז דער טייטש: דיין אויער. דאָס לערענט אונז, זאָגט בר קפרא, אַז אויב אַ מענש הערט עפּעס מיאוס'ע רייד זאָל ער מיט'ן פינגער פאַרשטאָפּען דעם

אויער. באמערקט דערויף דער רמב"ם, אז ער גלויבט קוים אויב אפילו ווער פון די סכלים, פון די נאראָנים נעמט דעם דאָזיגען דרש ערנסט און מיינט אז דער תנא דענקט טאקע, אז דאָס איז דער פשט פון פסוק, און „יתד" איז א פינגער און „אזנך" מיינט דיין אויער. דאָס איז, זאָגט ער, בלויז א שעהנע מליצה, אן אָנדייטונג אויף א גוטער מדה. וואָרים אזוי ווי מען טאָר ניט ריידען קיין העסליכע רייד, אזוי טאָר מען אויך ניט הערען, אָבער דער פסוק האָט עס גאָרניט געמיינט. אזוי, — זאָגט דער „מורה", — איז מיט אלע „אל תקרי'ס", וואָס גע־פינען זיך אין תלמוד און מדרשים, זיינען זיי אלע זייטיגע „אסמכתות", אָנדייטונגען אויף זייטיגע ענינים, וואָס די תורה אָדער די נביאים האָבען גאָרניט מכון געווען.

אויף דעם לעצטען מאמר פון המב"ם זיינען א סך מתרעם. עס זיינען דאָ אזעלכע, וואָס זיינען געגען געוויסע טעמי המצוות, וואָס דער רמב"ם גיט אָן. דער רמב"ם אליין זאָגט אָבער, אז אויסער זיינע טעמים זיינען אפשר פאראן נאָך טעמים, און אויף מאנכע פרטים, גיט ער צו, אז ער ווייסט ניט זייער טעם. ער דריקט זיך אויס, אז אזוי ווי אין די גלגלים, אין גאנצען וועלט־גאנג, ווייסען מיר ניט מעהר ווי מיר ווייסען יאָ, אזוי איז אויך מיט די מצוות.

די קשיות־פרעגער, — זאָגט דער רמב"ם, — פרעגען א פראגע: צו וואָס פאָדערט די תורה ומצוות? האָט דער השי"ת ניט געקענט די אידען אריינגעבען א טבע, אז זיי זאָלען גאָר קיין לוסט ניט האָבען צו עבודה זרה און אנדערע איסורים? דער תירוץ אויף דעם איז, אז אוועקנעמען די „בחירה" ביים מענשען, מאכט עס איהם פאר אויס מענש. א מענש אָהן א „בחירה חפשית", אָהן א פרייען אויסוואהל וואָס צו טאָן אָדער ניט טאָן, איז ניט מעהר ווי א חיה, וואָס טוט אָדער טוט ניט זאכען אינסטינקטיוו, אויס געבוירענער נאטור. דעריבער האָט גאָט געבאָטען און פארבאָטען געוויסע זאכען, צוגעזאָגט שכר פאר אויספאָלגען אלעס און שטראָף פאר ניט אויספאָלגען, און ביי זיי, ביי די נעמער פון דער תורה, איז די ברירה.

יח.

וועגען ספורי התורה

נאָכדעם ווי דער „מורה" רעדט ארום די טעמי המצוות, פארטיידיגט ער אונזער תורה פון אן אנדער שטאנדפונקט. ער זאָגט:

עס זיינען דאָ אין דער תורה ספורים, וואָס אַ סך מענשען דענקען, אַז זיי זיינען איבעריג און בדיינגען נים קיינע נוצען. זיי פרעגען, למשל, צו וואָס דארף די תורה דערצעהלען וועגען די משפחות, וואָס זיינען ארויסגעקומען פון נח'ן, אויסרעכענען זייערע נעמען און וואו זיי האָבען געוואוינט? אָדער צו וואָס דארף מען וויסען דעם צעטעל פון די בני שעיר החורי, וואָס ווערט אויסגערעכענט אין וישלח? אָדער די מלכים, וואָס האָבען געקעניגט אינ'ם לאנד אדום, און עהנליכע זאכען, וואָס זיינען לויט זייער מיינונג איבעריג און פאַרנעמען אַן אומזיסטען פּלאַץ אין דער תורה, וואָס דארף הויפּטזעכליך זיין אַ ספר המצוות.

דערויף ענטפערט דער רמב"ם, אַז יעדער ספור, וואָס גע־פינט זיך אין דער תורה, איז נויטווענדיג. מען מוז אַלעם האָבען פאר געוויסע וויכטיגע צוועקען.

דער הויפּט פונקט אויף וואָס אונזער תורה און אמונה איז באַגרינדעט איז, אַז די וועלט איז „מחודש", אַז השי"ת, הייסט עס, האָט די וועלט באַשאפען אין אַ געוויסער צייט. מיר אַלע, די גאנצע מענשהייט בכלל, שטאמט פון איין מענשען, פון אָדם הראשון, וועלכען גאָט האָט באַשאפען. פון אָדם הראשון ביז משה רבנו איז אינגאנצען געווען בערך צוויי טויזענד מיט פינף הונדערט יאָהר, און אין משה'ס צייטען זיינען שוין מענ־שען געווען פארשפּרייט איבער דער וועלט. עס זיינען שוין געווען פארשידענע פעלקער מיט באזונדערע שפּראכען, גאנץ ווייט איין שפּראך פון דער צווייטער. דעריבער, ווען די תורה

זאָל בלויז דערצעהלען פון בריאת עולם, פון דער וועלט־באשאַ־פונג, און דעם פאַקט, אז דער באשעפער האָט באשאַפען אָדם הראשון, וואָלטען מענשען אין דעם געצווייפעלט. מען וואָלט ניט געוואָלט גלויבען, אז פון איין איינציגען מענשען זאָל זיך האָבען ענטוויקעלט אזאַ פאַרשידענאַרטיגע מענשהייט מיט באַזונדערע לענדער, מיט באזונדערע אַרט לעבענס און לשונות. האָט די תורה געמוזט דערצעהלען ווי אזוי דאָס איז געוואָרען און דערמאָנט פאַפולערע משפחות, וויפיל דער האָט געלעבט, וויפיל יענער האָט געלעבט און וואו זיי האָבען געוואוינט, און די מעשה פון דור הפלגה, וואָס האָט געבראַכט דערצו, אז די מענשהייט זאָל צוטיילט און צושפּרייט ווערען אין באזונדערע פעלקער, יעדע מיט אַן אַנדער שפּראַך. ווען די תורה גיט ניט איבער די אַלע פּרטים, וואָלטען מענשען ניט געגלויבט, אז פון איין מענשען זאָלען ווערען אַ סך סאָרטען מענשען, און במילא וואָלט מען אין דער גאַנצער תורה געלייקענט.

די ספּורים פון מבול און פון סדום און עמורה האָט אויך די תורה געדאַרפט דערצעהלען, כדי מענשען זאָלען וויסען, אז עס איז דאָ אַ גאָט אויף דער וועלט, וואָס שטראָפט די רשעים. אזוי איז אויך די געשיכטע פון די פיער מלכים, וואָס האָבען מלחמה געהאַלטען מיט די פינף, וואָס ווערט דערצעהלט אין פּרשה לך לך, וואו אברהם אָבינו האָט געשפּילט אַ ראָלע מיט זיין איינשטעלען זיך פאַר זיין פּלימעניק לוט. מען דאַרף עס וויסען איבער דעם נס וואָס גאָט האָט געטאָן אברהם'ען און ער מיט אַ הייפעלע מענשען האָט באזיגט פיער גרויסע מלכים מיט זייערע חילות. פון דעם ספּור המעשה זעהט מען אויך אברהם'ס כאַראַקטער ווי ער האָט אונטערנומען אַ ריזיקאַלישע אונטער־נעמונג, כדי מציל צו זיין אַ קרוב, און ווי ער האָט פון דעם גאָרניט געוואָלט געניסען, ווי עס שטעהט דאָרט: „אם מחוט ועד שרוך נעל" — אברהם האָט געזאָגט, אז אפילו אַ פאָדים אָדער אַ שוך־בענדעל וויל ער ניט געניסען פון זיין זיג. דאָס זיינען מדות טובות, וואָס מענשען דאַרפען זיך אָפּלערנען פון איהם, פון אברהם אָבינו.

דער ספּור פון די משפּחות בני שעיר און זייער יחוס, —

זאָגט דער רמב"ם, — ווערט דערצעהלט אין דער תורה צוליב איין געוויסער מצוה, נעמליך: השי"ת האָט געהייסען: „מחה תמחה את זכר עמלק". מען זאָל אויסראָטען די געדעכנים פון עמלק. עמלק איז געווען דער זוהן פון אליפז. זיין מוטער איז געווען תמנע לוטן'ס שוועסטער. דעריבער האָט די תורה אויסגערעכענט דם גאנצען יחוס פון די בני עשו, כדי מען זאָל ווּיסען, אז דער „מחה ימחה" געהט נאָר אויף די וואָס קומען ארוים פון עמלק, אָבער אנדערע עשו'ס אייניקלאך זאָל מען ניט הרג'ענען.

און דאָס וואָס די תורה דערצעהלט דאָרט ווייטער אין וישלח: „ואלה המלכים אשר מלכו בארץ אדום", און רעכענט אוים א צעטעל פון קעניגע אינ'ם לאַנד אדום, — זאָגט דער רמב"ם, — איז אויך צוליב א וויכטיגען צוועק. די תורה האָט אָנגעזאָגט, אז אויב די אידען וועלען אויפנעמען א קעניג, זאָלען זיי ערוועהלען איינעם פון זייערע, א אידען. „לא תוכל לתת עליך איש נכרי אשר לא אחיך הוא" — דו טאָרסט אויף זיך ניט אויפנעמען א פרעמדען, וואָס איז ניט דיין ברודער, וואָס איז, הייסט עס, ניט קיין איד. די אלע מלכי אדום, וואָס זיינען דאָרט אויסגערעכענט, ווערט בפירוש געזאָגט, אז זיי זיינען געווען פרעמדע, ניט בני אדום. דענק איך, — זאָגט דער רמב"ם, — אז די דאָזיגע הערשער זיינען געווען פּאָפּולער. מען האָט געוואוסט, אז די בני אדום זעהר פיל געליטען פון זיי. געניי וואָס פאר א צרות די פרעמדע רעגירער האָבען זיי אָנגעטאָן, ווייסט מען היינט ניט, אָבער אמאָל האָט מען מעהר געוואוסט. דעריבער האָט די תורה פאַרעפענטליכט זייערע נעמען און באַטאָנט, אז זיי זיינען געווען פרעמדע, כדי די אידען זאָלען זיך אראָפּנעמען א מוסר השכל און ניט אויפ־שטעלען קיין קעניגע פון פרעמדע פעלקער.

מען דאַרף, — זאָגט ער, — דעריבער ניט דענקען, אז די ספּורים וואָס געפינען זיך אין דר תורה, אויסער די מצוות, זיינען איינגאנצען איבעריג אָדער צו לאַנג. ווען מען זאָל ווּיסען די פּרטים פון אלע דערצעהלונגען וואָלט מען אזוי ניט גע־

דענקט, און מען וואָלט ריכטיג פארשטאנען ווי נויטווענדיג זיי זיינען.

אזוי, — זאָגט ווייטער דער רמב"ם, — איז אויך מיט די „מסעות", מיט די באשרייבונגען פון דעם מארשרוט פון די אידען אין מדבר, ווי דאָס ווערט אויסגערעכענט אין פרשה מסעי. דער גאנצער מארשרוט, וואו זיי זיינען געגאנגען און וואו זיי האָבען גערוהט, האָט משה געשריבען אויף א פארזאָג פון גאָט, ווי דער פסוק זאָגט: „ויכתוב משה את מוצאיהם למסעיהם על פי ד'", און דאָס איז אויך זעהר וויכטיג. ווען ניט די דאָזיגע באשרייבונגען, וואָלטען די אַלע נסים, וואָס זיינען געטאָן געוואָרען צו די אידען דורך די פיערציג יאָהר וואנ־דערען אין די וויסטעניישען פארגעסען געוואָרען. די שפעטערע דורות וואָלטען אין דעם ניט געגלויבט. אומנאטירליכעס קענען נאָר גלויבען די וואָס זעהען עס אליין מיט זייערע אויגען, אָבער דערצעהלט מען א דבר פלא אָדער מען לייענט אין באשרייבונג זאכען וואָס זיינען חוץ מדרך הטבע, צווייפעלט מען אין דעם און מען מוז האָבען א פעסטע באשטעטיגונג, אז אזוי איז עס געוועזן, אז אזוי האָט עס ווירקליך פאסירט; ווען ניט קען מען זאָגען, אז די גאנצע זאך איז אן אויסגעטראכטע.

די תורה דערצעהלט, אז די אידען האָבען געוואנדערט אין א מדבר פיערציג יאָהר. עס ווערט געזאָגט, אז דאָרט, וואו די אידען האָבען געהאט זייער מארשרוט, איז א געגענד אָדער געגענדען פון „נחש שרף ועקרב", עס לעבען דאָרט נאָר בייזע שלאנגען, און „לא מקום זרע", עס וואקסט דאָרט גאָרניט „ומים אין לשתות", און קיין וואסער צו טרינקען איז דאָרט אויך ניטאָ. עס ווערט אויך געזאָגט, אז די וואנדערער האָבען זיך געשפייזט פון מן, א מין שפייז, וואָס איז ספעציעל געשאפען געוואָרען פאר זיי, און עס פלעגט פאלען טעגליך פון הימעל. וואָלט מען אין דער גאנצער מעשה געצווייפעלט. מען וואָלט געזאָגט, אז דאָס קען ניט זיין, אז זיי האָבען זיך אין זייער וואנדערונג גע־האלטען נאָהענט צו ישוב, אזוי ווי עס זיינען שטענדיג דאָ וואנדערענדע שבטים, וואָס געהען ניט אוועק זעהר וייט פון ישוב און דעריבער קענען זיי עקזיסטירען. אָדער מען וואָלט געזאָגט, אז זיי זיינען געגאנגען אין געגענדען וואו מען קען

באארבייטען די ערד, זעען און פלאנצען. מען וואָלט ניט גע־וואָלט גלויבען, אז דער מדבר, דורך וועלכען די אידען האָבען געוואַנדערט, ווי די תורה זאָגט, איז אַ „ארץ לא עבר בה איש״— אַ לאנד, וואָס קיין מענש איז דאָרט פריהער ניט דורכגעגאַנגען. אָדער, אויב אפילו מען וואָלט מודה געווען אין דאָס פאלען פון מן, וואָלט מען געזאָגט, אז דאָרט פאלט שטענדיג מן אויף אַ נאטירליכען אופן, ווייל דער קלימאַט איז דאָרט אזעלכער.

דעריבער האָט די תורה באצייכענט זייער מארשרוט דורכ־אוים צו איבערצייגען, אז דאָרט זיינען וויסטע געגענדען, ווייט פון ישוב, און וואקסען וואקסט דאָרט גאָר ניט און קיין מן פאלט דאָרט ניט און איז פריהער אויך ניט געפאלען.

די אלע מסעות, וואָס ווערען אויסגערעכענט, וויסט מען, זיינען וויסטע מקומות, טאקע אזוי ווי די תורה שילדערט זיי. און דאָס נעמט ארונטער די ספקות, דאָס אומגלויבען פון מענ־שען, אז עס איז ניט געווען אזוי ווי די תורה באשרייבט פון דעם מהלך פון די אידען, וואו עס זיינען צו זיי געטאָן געוואָרען אזוי פיל נסים. אדרבא, זאָלען די וואָס גלויבען ניט, באזוכען יענע פלעצער און זיך איבערצייגען.

אזוי, — זאָגט דער „מורה״, — זיינען פאראַן ערקלע־רונגען אויף אלע ספּודים פון דער תורה און קיין זאַך איז ניט איבעריג. אלעס, וואָס די תורה שרייבט, איז צוליב געוויסע צוועקען, וואָס זיינען וויכטיג און נויטווענדיג, און קיין זאַך איז ניט געשריבען אומזיסט.

***

דערמיט פארענדיג איך מיין ספר איבער דעם רמב״ם׳ס רעליגיאָן־פילאָזאָפישער לעהרע. איך האָב ארויסגעבראכט די הויפּט פונקטען, „והאידך זיל גמור״, דאָס איבעריג לאָז איך איבער פאַר די וואָס האָבען ביכולת און דעם חשק אליין צו לערנען דעם „מורה נבוכים״ גופא.

ואלה יעמדו על הברכה

עהרען-ליסטע פון סובסקרייבערס, וועלכע האבען אריינגע־שיקט דעם פרייז פון ספר פאראוים.

(כסדר נאך דער רייהע ווי די באשטעלונגען זיינען אריינגעקומען.)

מארים בלענק, 1428 פרענקלין עוועניו, בראנקס, ניו יארק.
מארים סאלעד מפינסק, 573 דזשעקסאן עוו., דזשוירזי סיטי.
יוסף חיים גראנד, 229 א. קינגסברידזש ראוד, בראנקס.
מאיר ס. פארמאן (ניט גודס קא.), 81 ארטשארד סט., ניו יארק.
רעוו. ישראל יצחק שפירא מירושלים, סופ. מושב זקנים,
116 א. 105טע סט., ניו יארק.
יעקב קרוגמאן, 359 טראי עוו., ברוקלין, נ. י.
מרס. ראוז פעלדמאן, 679 מאנגאמערי סט., ברוקלין, נ. י.
נ. דאווידאף, 915 אינטערוויל עוו., בראנקס.
חיים יעקב ב"ר יצחק הלוי בארדער, 1912 א. פערמאנט עוו.,
באלטימאר, מערילענד.
ס. לאסטינג, 920 לעקי סט., פארטסמאוטה, ווא.
משה מאלאדאוו, 56 אטלאנטא עוו. ס. א., אטלאנטא, גא.
יעקב הערמאן, 653 עוו. סי., בעיאן, נ. דזש.
ישראל זאב כץ, 741 פענסילווייניא עוו., ברוקלין, נ. י.
וויליאם דזשאסעם, סאוט נארוואלק, קאנ.
יוסף ראבינאוויטש, 5722—4טע עוו., ברוקלין.
יוסף גודמאן, 512 א. סאנבורי סט. שאמאקין, פא.
סאל מ. קירשאן, 1535 פרעזידענט סט., ברוקלין.
צבי הירש קניגער, 1730 מאנטגאמערי עוו., בראנקס.
אברהם יצחק מענטשער, 71 נאסאו סט., ניו יארק.
מארים שריידער, 722 5טע עוו., מעק'קיספארט, פא.
בנימין מילער, סיטי האטעל, ס. נארוואלק, קאנ.
יעקב בלום, 1358 איסט ניו יארק עוו., ברוקלין.
יוסף טאפאר וזוגתו יכנה רחל, 1219 ווייז עוו., בראנקס.

קלמן מרדכי הכהן, 115 וואַלנאַט סט., מאַלדען, מאַס.
נתנאל פיימאַן, 2502 טעילאַר, דיטראַיט, מיש.
יוסף יצחק שאַפּיראַ, 707-709 בראָדוויי, ניו יאָרק.
בנציון מנחם פיינבערג, מארשפיעלד, מאסס.
אברהם קאָהען, 220 וו. 93טע סט., ניו יאָרק.
הרב צבי הירש הכהן, רב בית המדרש הגדול תפארת ישראל דריווערסייד.
אשר סטאַקהיים, פּארוואלטער וואודלאנד האָטעל, סאַראַטאָגא ספּרינגס, נ. י.
הערי היימאַן, 1086 פּרעזידענט סט., ברוקלין, נ. י.
רעוו. יהודא חיים סאַנדלאָוויץ ש"ץ ושו"ב, קווינסי, מאסס.
צבי מארינסאָן, 145 א. אינדיאנא עוו., סיינט פּאָול, מיננ.
צבי מאַלינא, 985 האָום סט., בראָנקס, נ. י.
קלאַרא האַראָוויץ, 47 א. דריטע סט., ניו יאָרק.
מרס. ל. קאָהען, 245 וועסט 107טע סט., ניו יאָרק.
היימאן קאָוויטץ, 434 א. 31טע סט., פּעטערסאָן, נ. דזש.
משה קלעצקי, 350 באורום סט., ברוקלין.
חיים אברהם גרינבערג, רעפּובליק, וואשינגטאָן.
וואָלף פעלדמאַן, 54-66 10טע סט., פאָל ריווער, מאסס.
ב. בערענסאָן, 2920 מוירמעיד עוו., קאָני איילאנד.
הרב דוד קירשענבוים, 23 מעיטלאַנד סט., לאָנדאָן, אָנט., קאַנאַדאַ.
הרב יצחק הלוי מארקום (יהלם), ניו בראָנזוויק, נ. דזש.
נייטהען גרינבלום, ספּיוואַק, קאָלאָראַדאָ.
דוד אַראָנסאָן, 1013 1טע עוו. ס., פארגאָ, נאָרט דאַקאָטאַ.
ברוך גאָרבאַטער, 248 ניו לאָטס עוו., ברוקלין, נ. י.
מלכה ציוני, 3110 ברייטאָן 4טע סט., ברוקלין, נ. י.
מרים ענאָוויץ, 4315 12טע עוו., ברוקלין, נ. י.
אשר יהודה שווארץ, 2929 וו. 20טע סט., קאָני איילאנד.
חיים יוסף שווארץ, 2929 וו. 20טע סט., קאָני איילאנד.
ירוחם פישעל גרינבערג, 204 מעדיסאָן סט., ניו יאָרק.
יעקב פלאַנצרייך, 170 ריווערדייל עוו., ברוקלין, נ. י.
יעקב לאנג ב"ר שמעון לאנגפוס, 252 ס. 4טע סט., ברוקלין.
היימאַן גאָלדוואַטער, 1425 העריסאָן סט., אָוקלאַנד, קאַל.
אברהם מאיר כהן, 1811½ סינגער עוו., דאַלאַס, טעקסעס.

הערי ענגעל, 84 נאגל עוו., ניו יאָרק.
זעליג סאנדלער, 1342 סט. לאָורענס עוו., בראָנקס, נ. י.
א. אלבערט, 51 קאנעל סט., עלענוויל, נ. י.
רעוו. משה יונה ברוידא, 184 רענוויק פּליים, סיראקיוז, נ. י.
חזן ישראל דוד גאָטליב, 948 נאָסטראנד עוו., ברוקלין.
נייטען גאָטליב, 358 ס. 2טע סט., ברוקלין.
לואיס א. מינצער, 610 איסט קאָורט עוו., דע מאָינס, אייאָווא.
יהודה ליב הילמאן, 231 מאנגון סט. נ. וו., אטלאנטא, גא.
ברכה דרשן, 402 ס. 2טע סט., ברוקלין.
משה ניסן בן יצחק אריה לאטער, 855 א. 175טע סט., בראָנקס.
אייזיק ביקס, 17—15 א. 172טע סט., בראָנקס.
אריה ליב רובין, 333 סקול סט., ברוקלין.
צבי קופּער, יליד מינסק; איען, אלבערטא, קאנאדא.
יוסף שטראסלער, 933 מוירטעל עוו., ברוקלין.
מנחם מענדעל ב"ר שלמה יפה, 667—10טע עוו., סאן פראנציסקאָ.
אליעזר ב"ר חיים זאב פּאווע, 1687 בעטגעיט עוו., בראָנקס.
סאָלאָמאָן העריק, 69 פּען סט., ברוקלין.
מ. ריפּס, 529 וו. 12טע סט., ניו יאָרק.
משה טייך, 1511 שארלאָט סט., בראָנקס.
יעקב מייערס, 1207—47טע סט., ברוקלין.
מרס. ס. ליווי, 1577—48טע סט., ברוקלין.
מ. קאנטראָוויץ, סענטראל סיטי, קענטאָקי.
דוד בער גאָרדאָן, 137 בלידנבורג עוו., ניו לאָנדאָן, קאָנ.
חיים גאָלדמאן, 100 הענדריקס סט., ברוקלין.
רעוו. מ. ליפּשיץ, 1521 וואשינגטאָן, עוו., בראָנקס.
טשארלי שווארץ, 2117 סאוטה קליפטאָן פּארק, שיקאגאָ.
רעוו. א. גרינשפּאן, 148 גאטינגען סט., האליפאקס, נ. ס.
מרדכי קרויז, 148 גאטינגען סט., האליפאקס, נ. ס.
סעם בארלינסקי, קער אָוו וועינער, 489 העגעמאן עוו., ברוקלין.
מיכאל ארי' ב"ר שלום יליד ניקאלאיעוו, 1451—46טע סט., ברוקלין.
ז. ב. קאמאיקא, 175 וו. דזשעקסאָן בולעווארד, שיקאגאָ.
סעמיועל ראָזין, שיקאגאָ, ע"י מר. קאמאיקא הנ"ל.
הרב בצלאל עפּשטיין, 519 פּארעסט עוו. סינסינעטי, אָהייאָ.

ראובן ב"ר משה מאשקאוויץ, קארנוואל ברידזש, קאנ.
צבי שטעכלער פעלבער, בערלין, דייטשלאנד.
פ. שער, 25 איסט פוירסט סט., דולוטה, מיננ.
פאלק שערמאן, 106 עלדרידזש סט., ניו יארק (דריי ספרים).
יוסף ל. קאמאיקא, 1660 קראטאנא פארק איסט, בראנקס.
מאיר וואכשטיין, 114 פיעלד פליינס, בראנקס.
חיים ראקאוו, 41 לאט עוו., ברוקלין.
בערל הירש, 138 גארפיעלד עוו., לאנג ברענטש, נ. דזש.
רעוו. א. שאר, 4303—12טע עוו., ברוקלין.
רעוו. יונה פריעד, שו"ב, 2147 רימפאו בולוואַרד, לאס אנדזשעלעס.
הערי ל. סאר, 28 ס. מעין סט., ווילקעסבאר, פא.
דוד יארישעווסקי, 167 בעי 23טע סט., ברוקלין.
אברהם מרדכי בלאנק, 700 טעילאר סט., וויטשיטא פאלס, טעקסעס.
יוסף ב"ר שבתי ז"ל גאלדין, 356 ניו יארק עוו., ברוקלין.
יצחק יעקב קראנץ, 73 רידזש סט., ניו יארק.
ז. ראזענבוים, 1835—83טע סט., ברוקלין.
משה יעקב בערמאן, 3100 בראדוויי, ניו יארק.
יעקב קירשנער, 2574—43טע סט., אסטאריא, לאנג איילאנד.
רעוו. ראובן א. לאזאר, 835 סאוט אילינאיז סט.,
אינדיאנאפאלים, אינד.